STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10081

A RAYZE KEYN YISROEL

Joshua Rothenberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ רייזע קיין ישראל



ישראל
לידיעת המולדת
לנוער ולעם

יהושע ראָטנבערג

אַ רייזע קיין ישראל

לערנבוך פאַרן לימוד ישראל

אַרויסגעגעבן פון

פנחס גינגאָלד פאַרלאַג

ביים

נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון די יידישע פאָלקשולן

פון דער

ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע

1964 ניו־יאָרק, נ. י. תשכ"ה

JOSHUA ROTHENBERG

A REIZE KEIN ISROEL
(A Trip to Israel)

Published by
PINCHAS GINGOLD PUBLISHING FOUNDATION

of the
NATIONAL COMMITTEE OF THE JEWISH FOLK SCHOOLS, INC.
575 SIXTH AVENUE NEW YORK, N. Y. 10011

Copyright 1964 *by*
NATIONAL COMMITTEE OF THE JEWISH FOLK SCHOOLS, INC.
NEW YORK, N. Y.

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in the U.S.A. by SHULSINGER BROS.
NEW YORK, N. Y. 10003

253

אינהאַלט

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער 7
פאָרוואָרט 9
אויף דער שיף „טעאָדאָר הערצל" 11
חיפה 14
עכו 19
תל־אביב 22
אַ באַזוך אין ירושלים (ערשטער טייל) 26
אַ באַזוך אין ירושלים (צווייטער טייל) 31
אַ באַזוך אין די אַלטע דערפער און קאָלאָניעס 36
דער עמק און נהלל 40
ים כנרת און טבריה 44
דער קיבוץ דגניה 47
צפת און דער גליל 50
גשר הזיו — אַן אַמעריקאַנער קיבוץ 53
באר־שבע 57
דער נגב און דער פּאָרט אין אילת 60
ים המלח 65
סוף פון דער רייזע 69

צוגאָבן

גיב אַ קוק אויף דער מאַפּע 71
לאָמיר זיך דערמאָנען וואָס מיר האָבן געלערנט 74
תקופות אין דער געשיכטע פון ארץ ישראל 78
וואָקאַבולאַר 81
געניטונגען 85

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער

מיר האָבן די פּראָבלעם ווי אַזוי צו לערנען דעם לימוד מדינת ישראל אין די יידישע שולן. בלויז דערציילן וועגן מדינת ישראל איז ניט גענוג. עס איז אויך נויטיק אַז דאָס קינד זאָל האָבן אַ בוך וואָס עס זאָל קענען לייענען אין שול און אין דער היים.

מיט אַ צייט צוריק האָבן מיר אַרויסגעגעבן דאָס בוך „אויף די וועגן פון ציון" מיט דעם געדאַנק צו באַקענען די תלמידים מיט דער אידייע פון שיבת ציון און מיט דער שטאַרקער בענקשאַפט פון יידישן פאָלק צו פאַרווירקלעכן די אידייע. דאָס בוך „אויף די וועגן פון ציון" פון קאַדיע מאָלאָדאָווסקי קען אָבער גענוצט ווערן בלויז אין די מיטל שולן.

מיר פילן אַז עס איז נויטיק אַ בוך פאַר די העכערע קלאַסן פון די פאָלק שולן און די אָנפאַנג קלאַסן פון דער מיטל שול, וואָס זאָל באַקענען דעם תלמיד מיט מדינת ישראל אויף אַ דערציילערישן אופן.

חבר יהושע ראָטנבערג, דירעקטאָר פון די נ. י. פאָלק שולן, האָט צוגעגרייט אַזאַ טעקסט בוך — „אַ רייזע קיין ישראל", וואָס אַנטהאַלט אין אַ דערציילערישער פאָרם אַ מינימום ידיעות וואָס אונדזערע קינדער דאַרפן קענען וועגן מדינת ישראל.

דער מחבר שילדערט אין דעם בוך די פאַרשיידענע פאָרמען פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. ער ברענגט ווי מוסטערן די פּיאָנערישע פּונקטן, די בראשיתן וואָס האָבן אַזוי

שטאַרק מצליח געווען, ווי דגניה די ערשטע קבוצה און נהלל דער ערשטער מושב.

מיר ווילן באַדאַנקען חבר יהושע ראָטנבערג פאַר זיין מי און אַרבעט וואָס ער האָט אַריינגעגעבן אין צוזאַמענשטעלן דאָס דאָזיקע בוך, וואָס איז א וויכטיקער בייטראָג צו דעם לימוד פון ישראל אין די יידישע פאָלק שולן.

נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פון די
יידישע פאָלק שולן

ל. רובינשטיין, דירעקטאָר

פאָרוואָרט

מדינת ישראל און די פּראָבלעמאַטיק פון ישראל פאַרנעמען טאַקע אַ וויכטיק אָרט אין די שולן, אָבער עס איז דערווייל ניט פאַראַן קיין באַשטימטער פּראָגראַם פאַר דעם לימוד. דער סכום ידיעות וועגן ישראל וואָס דער תלמיד באַקומט איז אַ צופעליקער, ווייל די ידיעות וועגן ישראל ווערן געוויינטלעך געגעבן אין שייכות מיט אַנדערע לימודים אָדער ביי דער געלעגנהייט פון יום־טובים, ווי יום העצמאות און ט"ו בשבט. אַזוי אַרום ווערן געוויסע אַספּעקטן פון ישראל שטענדיק אַקצענטירט און אַנדערע גאָר וויכטיקע זאַכן ווערן דורכגעלאָזן. דעריבער ווייסט אָפט אַ תלמיד מער וועגן פלאַנצן ביימער אין ישראל ווי וועגן ירושלים.

דאָס בוך איז נישט קיין געאָגראַפיע פון מדינת ישראל. עס איז אַ שפּאַציר איבער די וויכטיקסטע ערטער פון ישראל וואָס „שמוגלט אַריין" אַ ביסל געאָגראַפיע. עס זיינען דערפאַר פאַראַן דאָ ווייניק ציפערן און דאַטעס. עס איז גיכער אַן אַריינפיר צו אַ גענויער געאָגראַפיע פון ישראל.

דער מאַטעריאַל אין בוך איז באַגרענעצט בלויז צו די ערטער און אינסטיטוציעס וואָס זיינען, לויט דער מיינונג פון מחבר, די וויכטיקסטע אָדער אַממערסטן כאַראַקטעריסטיש. די כוונה פון בוך איז צו געבן דעם דעם תלמיד אַ מינימום פון ידיעות וועגן ישראל.

דאָס בוך איז באַשטימט פאַר די העכערע קלאַסן פון דער עלעמענטאַר שול און די נידעריקע קלאַסן פון מיטלשול. דער מחבר האָט זיך גערעכנט מיטן פאַקט וואָס די תלמידים קאָנען היינט ווייניקער יידיש ווי אַפילו מיט צען יאָר צוריק. דער וואָקאַבולאַר איז דער־פאַר אַ באַגרענעצטער, כדי די אויפמערקזאַמקייט פון תלמיד זאָל נישט צופיל אַפּגעווענדט ווערן פון מאַ־טעריאַל. די זאַצן זיינען ווי ווייט מעגלעך קורצע און לייכטע.

אין בוך זיינען איינגעשלאָסן פאַרטייטשונגען פון שווערע ווערטער אויף ענגליש און גראַמאַטיק...

דער מחבר

אויף דער שיף „טעאָדאָר הערצל״

עס איז סוף שול יאָר. די קינדער האָבן וואַקאַציע. מרדכי גאָלדבערג, זיין שוועסטער לאה און זייערע עלטערן האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף דער ישראל׳דיקער שיף „טעאָדאָר הערצל״(*) וואָס פאָרט אויף דער ים־ליניע ניו־יאָרק — חיפה. זיי האָבן עטלעכע יאָר געחלומט וועגן מאַכן אַ רייזע קיין ישראל. שווער צו גלויבן אַז איצט איז דער חלום געוואָרן אמת.

קיין ישראל קען מען פליען מיט אַן עראָפּלאַן, עס דויערט בלויז איין טאָג; מיט אַ שיף פאָרט מען 13 טעג. מרדכי׳ס עלטערן האָבן געמאַכט די רייזע מיט אַ שיף, ווייל זיי האָבן געוואָלט פאָרן, צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן, מיט אַ יידישער שיף. אַזאַ שיף ווערט גערופן „אַ שווימענדיקער טייל פון ישראל״. די שיפן וואָס פאָרן קיין ישראל שטעלן זיך אָפּ אויך אין די פּאָרטן פון איטאַליע און גריכנלאַנד.

די רייזע איז געווען זייער אַ שיינע. זומער צייט איז דער ים רואיק. זיי האָבן געקענט זיצן אויפן דעק פון שיף, ברענען זיך אויף דער זון און שווימען אין באַסיין פון דער שיף.

זייערע באַזוכן אין איטאַליע און גריכנלאַנד זיינען געווען זייער קורצע און זיי האָבן גאַנץ ווייניק געזען. די שיף איז געשטאַנען בלויז עטלעכע שעה אין די פּאָרטן פון די לענדער.

(*) טעאָדאָר הערצל איז געווען דער גרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וואָס איר ציל איז געווען צו שאַפן אַ יידישע מדינה אין ארץ ישראל.



— מיר ווילן דערפאַר האָבן געגנוג צייט צו זען ישראל — האָבן זיי צו זיך געזאָגט. אין ישראל בלייבן זיי אַ גאַנצן זומער. צוריק ווילן זיי שוין נישט פאָרן מיט אַ שיף נאָר פליען מיט אַן עראָפּלאַן.

***

צוועלף טעג שפּעטער האָט די שיף „טעאָדאָר הערצל" זיך דערנענטערט צו די ברעגן פון ישראל, צום פּאָרט חיפה.

כמעט אַלע מענטשן זיינען געשטאַנען אויפן דעק. די הערצער האָבן ביי אַלעמען שטאַרק געקלאַפּט. געווען אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט טרערן אין די אויגן. באַלד ווילן זיי זיין אויף דער ערד פון ישראל, אין יידישן לאַנד. יונגע מענטשן האָבן געמאַכט אַ ראָד און געטאַנצט אַ האָרע. דער ראָד איז מיט יעדער מינוט געוואָרן גרעסער. עטלעכע עלטערע יידן האָבן שטיל געמאַכט די ברכה „שהחינו".

עס איז געווען שפּעט אין אָוונט. פון מזרח זייט האָבן גע־פינקלט טויזנטער קליינע שטערן.

— פאַרוואָס איז אויף דער זייט הימל דאָ מער שטערן ווי אויף דער צווייטער זייט? האָט געפרעגט לאה.

— דאָס זיינען ניט שטערן, דאָס זיינען די ליכט פון חיפה, — האָט אַ מאַטראָס געזאָגט. אַ גרויסער טייל פון דער שטאָט חיפה ליגט אויף אַ הויכן באַרג וואָס הייסט כרמל. די הייזער שטייען איינע העכער פון די אַנדערע. ביינאַכט זעען אויס די ליכט פון די גאַסן און פון די הייזער ווי שטערן אין הימל. עס איז אַ וואונדערלעך בילד.

***

זיי האָבן אָנגעהויבן זייער באַזוך אין ישראל. לאָמיר מיט־גיין מיט זיי.

Vacation	וואַקאַציע
Ocean route	ים ליניע
Dreamed	געחלומט
Trip	רייזע
Floating part	שווימענדיקער טייל
Stop	שטעלן זיך אָפּ
Visit	באַזוך
Approached	דערנענטערט
Shores	ברעגן
Almost	כמעט
Tears	טרערן
Glimmered, sparkled	געפינקלט
Wonderful	וואונדערבאַר
Stars	שטערן
Founder	גרינדער
Movement	באַוועגונג
Goal	ציל

חיפה

צום ערשטן האָבן זיי באַזוכט **דעם פּאָרט.** עס זיינען דאָרט געשטאַנען צענדליקער שיפן. גרויסע און קליינע. די פאָנען און די אויפשריפטן אויף די שיפן האָבן געוויזן אַז זיי קומען פון פאַרשידענע לענדער, פון אַלע קאָנטינענטן. געווען דאָרט שיפן פון אַזוי ווייט ווי יאַפּאַן און אויסטראַליע.

אַ גרויסע באַוועגונג איז אָנגעגאַנגען אין פּאָרט. מען האָט געשלעפּט פון אַלע זייטן פאַרשידענע סחורות. מענטשן זיינען געגאַנגען אַראָפּ און אַרויף פון די שיפן, ווי אין אַלע גרויסע פּאָרטן פון דער וועלט.

איין זאַך איז אָבער געווען אַנדערש: כמעט אַלע מענטשן זיינען יידן און די שפּראַך וואָס האָט זיך אומעטום געהערט איז געווען העברעאיש — (אָדער ווי די יידן אין ישראל זאָגן, עברית).

דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן געזען, — די הייזער, דעם גרויסן פּאָרט, די גאַסן, די פאַבריקן, — האָבן יידן געבויט. די יידן זיינען געקומען אין לאַנד ערשט מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק און אָנגעהויבן מיט גאָרנישט. מיט פופציק יאָר צוריק איז חיפה געווען אַ קליין פישער דערפל.

היינט איז דאָס דער גרעסטער פּאָרט אין ישראל, אַ שטאָט פון 200 טויזנט איינוואוינער, וואָס פאַרמאָגט די גרעסטע פאַבריקן פון לאַנד.

דער וועג ווייזער אין אויטאָבוס האָט זיך באַרימט אַז חיפה

איז איינע פון די שענסטע שטעט אין דער וועלט. אויב איר ווילט ניט גלויבן, — האָט ער געזאָגט, — לאָמיר אַרויפגיין אויפן שפּיץ פון הר (באַרג) כרמל און דאַן וועט איר אויך אַזוי זאָגן.

— מען קען דאָרט פאָרן מיט אַ באַן וואָס גייט אונטער דער ערד. מיר רופן די באַן כרמליה, ווייל זי גייט פון פּאָרט אַרויף ביז צום שפּיץ פון באַרג כרמל; לאָמיר בעסער פאָרן מיטן אויטאָבוס, וועט איר קענען זען די שטאָט.

דער אויטאָבוס איז געפאָרן וואָס אַמאָל העכער, דורך גאַסן אַרום דעם באַרג כרמל. זיי האָבן געקענט זען אַז כמעט די גאַנצע שטאָט חיפה איז אויסגעשפּרייט אויפן באַרג כרמל, די גאַסן גייען ביז צום שפּיץ באַרג.

וואָס העכער זיי זיינען געפאָרן אַלץ שענער איז געווען

דאָס בילד. ווען זיי זײַנען אַרויס פון וואָגן, האָט זיך פון זייערע מיילער אַרויסגעריסן אַ לאַנגער אָ־אָ־אָ פון באַוואונדערונג.

ווייט אונטן איז געלעגן דער טיף־בלויער מיטלענדישער ים. פון הויכן באַרג האָט מען געקענט זען צענדליקער מײַלן ווייט. די שיפן וואָס זײַנען געשטאַנען אין פּאָרט האָבן אויסגעזען פון דער הייך ווי שיפלעך וואָס קינדער שפּילן זיך מיט זיי אין אַ טײַך.

די שיינע ווײַסע הײַזער, אויפן גאַנצן באַרג ביז צום ים, זײַנען געלעגן אין גרינס. אויפן שפּיץ באַרג וואו זיי זײַנען איצט געשטאַנען האָבן זיי געזען גאָר שיינע האָטעלן, גאָרטנס און וועגן צו שפּאַצירן.

***

ווען זיי האָבן זיך אויסגעדרייט צו דער צווייטער זייט פון באַרג, מיט דער פּלייצע צום ים, האָבן זיי געקענט זען אַ גרויסן טייל פון ישראל. די לופט אין ישראל איז זייער ריין און מען קען זען פּאַר מײַלן ווייט.

— אָט די בערג דאָרט, — האָט מיט אַ פינגער געוויזן דער פירער, — זײַנען די בערג פון גליל, און אָט דאָרט, אויפן סאַמע האָריזאָנט, זעט איר די הויכע בערג פון לאַנד לבנון. דאָס איז זעכציק מייל פון דאַנען.

אין תנ״ך איז אַ סך מאָל דערמאָנט געוואָרן דער הר כרמל — האָט געזאָגט דער פירער.

— איך ווייס, — האָט זיך אָפּגערופן מרדכי, — מיר האָבן געלערנט די מעשה אין שול, אַז דאָ אויף דעם באַרג האָט אליהו הנביא געפירט זײַן שלאַכט מיט די געצנדינער און פון דאַנען, זאָגט די לעגענדע, איז ער אַרויף אין אַ רייטוואָגן צום הימל.

דער פירער האָט געוויזן מיטן פינגער אויף אַן אָרט ווייט

ח י פ ה

אונטן ביים ים. דאָרט האָט מען געזען עטלעכע קיילעכדיקע געביידעס, וואָס האָבן אויסגעזען פון דער ווייטנס ווי טעפּ.

— דאָרט געפינט זיך די גרעסטע אין לאַנד ראַפינעריע פון אויל, און דאָס זיינען די טאַנקען וואו דער אויל געפינט זיך.

— און דאָרט אונטן, די ווייסע געביידעס, דאָס איז דער באַרימטער חיפה׳ער טעכניקום. מיר פאָרן איצט אַהין.

***

פופצן מינוט שפּעטער זיינען זיי אָנגעקומען אין טעכני-קום. דאָס איז ישראל׳ס גרעסטע טעכנישע שול פון וואַנען עס קומען אַרויס ישראל׳ס אינזשינערן און אַ גרויסער טייל פון אירע געלערנטע און פאָרשער.

זיי האָבן געזען פיל געביידעס און זאַלן, לאַבאָראַטאָריעס

און קלאַס צימערן וואו עס לערנען זיך עטלעכע טויזנט סטו־דענטן, אַ טייל פון די סטודענטן זיינען געקומענע פון די ניי־אַנטשטאַנענע לענדער פון אַפריקע און אַזיע.

— אין אַ גאַנץ קורצער צייט, — האָט דער וועג ווייזער דערציילט, — איז די שול געוואָרן איינע פון די בעסטע טעכ־נישע שולן אין דער וועלט.

אַ סך אינזשינערן און טעכניקער וואָס ענדיקן דעם חי־פה׳ער טכניון (אַזוי הייסט די שול) אַרבעטן אין די פאַבריקן פון חיפה. אין חיפה געפינען זיך די גרעסטע פאַבריקן פון לאַנד.

— איר האָט איצט געזען די וויכטיקסטע זאַכן אין חיפה. נאָכמיטאָג וועלן מיר פאָרן צו דער שטאָט עכו, — האָט גע־זאָגט דער פירער. דאָס איז אינגאַנצן אַ צען מייל פון דאַנען.

Traffic, commotion	באַוועגונג	Lebanon	לבנון
Merchandise	סחורות	(a country north of Israel)	
Factories	פאַבריקן	Chariot	רייטוואָגן
Spread out	אויסגעשפרייט	Pots	טעפּ
Mediteranean	מיטלענדישער ים	Refinery	ראַפינעריע
Wonder, surprise	באַוואונדערונג	Building	געביידע
Back	פּלייצע	Round	קיילעכדיק
Researcher	פאָרשער	Technical Institute	טעכנישע שול

עכו

עכו איז זייער אַן אַלטע שטאָט, אַ סך עלטער פון חיפה. דאָס קאָן מען באַלד זען ווען מען קומט דאָרט אָן.

ווען מרדכי און זיין משפחה זיינען אָנגעקו־מען קיין עכו, האָט דער פירער זיי געוויזן קודם כל די גרויסע אַלטע פעסטונג. זיי האָבן באַוואונדערט די דיקע ווענט פון דער פעסטונג וואָס זיינען געמאַכט פון גרויסע שטיינער. די ווענט זיינען אַזוי דיק ווי אַ צימער.

— די פעסטונג האָבן אויפגעבויט די קרייצפאָרערס ווען זיי האָבן איינגענומען ארץ ישראל אין 12־ן יאָרהונדערט. די פעסטונג איז אַזאַ שטאַרקע אַז אַפילו די גרויסע אַרמיי פון נאַפּאָלעאָן האָט זי נישט געקענט איינגעמען.

דערנאָך ווען די ענגלענדער האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד האָבן זיי געמאַכט פון דער פעסטונג אַ תפיסה. אין דער תפיסה זיינען אויך געזעסן יידישע קעמפער פאַר פרייהייט. ענגלאַנד האָט זיי פאַרמשפט אויף לאַנגע יאָרן תפיסה און טיילמאָל אויך אויף טויט, ווייל די קעמפער האָבן געוואָלט אַז ענגלאַנד זאָל פאַרלאָזן דאָס לאַנד און ארץ ישראל זאָל ווערן פריי.

עטלעכע יאָר פאַר דעם ווי מדינת ישראל איז אַנטשטאַנען, זיינען אין דער תפיסה־פעסטונג פון עכו געזעסן עטלעכע יידי־שע פרייהייט קעמפער וואָס זיינען געווען פאַרמשפט צום טויט. דער טויט אורטייל האָט באַלד געזאָלט אויסגעפירט ווערן. די חברים פון די פאַרמשפטע, די קעמפער וואָס זיינען גע־



עכו

ווען אויף דער פריי, האָבן אַטאַקירט און איינגענומען די פעסטונג און באַפרייט די פאַרמשפטע. זיי האָבן געטאָן דאָס וואָס נאַפּאָלעאָן האָט ניט געקענט טאָן. נאַפּאָלעאָן איז געשטאַנען ביי דער פעסטונג פון עכו עטלעכע חדשים און ניט געקענט זי איינעמען.

די באַשרייבונג ווי אַזוי דער דאָזיקער העלדנטאַט איז

דורכגעפירט געוואָרן קען מען געפינען אין בוך „עקזאָדוס“ פון לעאָן יוריס און אין פילם „עקזאָדוס“.

מרדכי איז געווען צופרידן וואָס ער האָט פריער געזען דעם פילם. ער האָט איצט געוואוסט אַז די פילם בילדער פון עכו זיינען אמתע בילדער געמאַכט אין עכו.

זיי האָבן דערנאָך געמאַכט אַ שפּאַציר אין שטאָט. אין עכו וואוינען אַ סך אַראַבער און זיי האָבן באַזוכט דעם אַראַבישן קוואַרטאַל.

די גאַסן זיינען דאָרט זייער שמאָל און געדרייט. אַ סך מענטשן זיצן אין די גאַסן. סחורות ליגן אויסגעלייגט אין דרויסן; עס איז אַ טומל. מען קויפט און פאַרקויפט, און אַלץ קומט פאָר אין גאַס. אייזלען אָנגעלאָדן מיט סחורות, און פון צייט צו צייט אַ קעמל, שטופּן זיך דורך די שמאָלע געסלעך.

אין איינעם פון די געסלעך געפינט זיך אַ שיינער אַלטער מאַכמעדאַנישער געבעט־הויז, מיט אַ שמאָלן הויכן מינאַרעט. אַ מאַכמעדאַנישער מוזעאין (חזן) גייט אַרויף דריי מאָל אין טאָג אויפן מינאַרעט און זינגט מאַכמעדאַנישע געבעטן.

פאַרנאַכט זיינען מרדכי און זיין פאַמיליע, טויט מידע, צוריקגעפאָרן קיין חיפה אין זייער האָטעל צימער.

צומאָרגנס אין דער פרי האָבן זיי גענומען די באַן קיין תל־אביב. אין תל־אביב וועלן זיי בלייבן עטלעכע טעג און גענוי זיך באַקענען מיט דער שטאָט.

קודם כל ... First of all	מעגלעכקייט ... Chance, possibility
פעסטונג ... Fortress	העלדנטאַט ... Act of heroism
קרייצפאָרער ... Crusaders (in the middle ages)	קוואַרטאַל ... District, neighborhood
מאַכמעדאַנער ... Moslems	שמאָל ... Narrow
תפיסה ... Jail	געדרייט ... Curving, twisting
פאַרמשפּט ... Sentenced	מיד ... Tired

תל־אביב

תל־אביב ליגט נישט אויף אַ באַרג ווי חיפה. אין דער שטאָט און אַרום דער שטאָט זעט מען בלויז פלאַך לאַנד.

תל־אביב ליגט ביים זעלבן ים וואָס חיפה, אָבער דער פאָרט איז קליין און מרדכי האָט דאָרט געזען בלויז עטלעכע שיפן ביים ברעג.

תל־אביב איז די גרעסטע שטאָט פון ישראל, זי ציילט אַ האַלבן מיליאָן איינוואוינער. לעבן תל־אביב געפינט זיך די שטאָט יפו, וואָס איז זייער אַן אַלטע שטאָט. תל־אביב איז געגרינדעט געוואָרן בלויז מיט 50 יאָר צוריק ווי אַ פאָר־שטאָט פון יפו. היינט איז תל־אביב אַזוי אויסגעוואַקסן אַז יפו איז געוואָרן אַ פאָרשטאָט פון תל־אביב און זיי שאַפן צוזאַמען איין שטאָט יפו־תל־אביב.

נאָכמיטאָג איז מרדכי אַרויסגעגאַנגען אויף אַ קליינעם שפאַציר. אין די גאַסן איז אַ גרויסע באַוועגונג, כמעט ווי אין ניו־יאָרק. די מערסטע געביידעס זיינען ווייס. אויף די הויפט גאַסן זיינען פאַראַן שיינע געשעפטן, האָטעלן און קאַפייען.

מענטשן זיצן אין די קאַפייען, אַ סך פון זיי ביי טישלעך וואָס שטייען אין גאַס. זיי טרינקען קאַווע, טיי, אָראַנזשן זאַפט, לייענען צייטונגען און שמועסן.

מרדכי האָט מיט אינטערעס געלייענט די העברעאישע אויפשריפטן אויף די געשעפטן און אויף די מויערן. ער האָט געמאַכט אַ קליינעם שפיל: ער האָט געוואָלט זען וויפל אויפ־

תל־אביב

שריפטן ער קען פאַרשטיין, פון יעדע 10 אויפשריפטן וואָס ער וועט לייענען.

ער האָט אויסגעפונען אַז ער פאַרשטייט בלויז אַ 3־4 פון יעדע 10 אויפשריפטן, כאָטש ער האָט געלערנט עטלעכע יאָר אין דער יידישער שול. געווען אַ סך אומבאַקאַנטע ווערטער.

גאָר נייגעריק איז ער געווען צו לייענען די נעמען פון די גאַסן. עס האָט אים גרויס הנאה געטאָן ווען ער האָט געזען גאַסן וואָס טראָגן דעם נאָמען פון אַ גרויסן מאַן אָדער גרויסן שרייבער וועגן וועלכן ער האָט געהערט אין שול. אַזוי האָט אים געפרייט צו זען רחוב ביאַליק, ביאַליק׳ס הויז, וואו עס געפינט זיך דאָס הויז וואו ביאַליק האָט געוואוינט „בית ביאַליק״. דאָס הויז איז איצט אַ מוזעאום וואו עס געפינען זיך די אַלע זאַכן און ביכער מיט וועלכע ביאַליק האָט זיך באַנוצט ביי זיין לעבן, אויך זיינע אַלע ביכער און איבער־זעצונגען פון זיינע ביכער אין עטלעכע צענדליק שפּראַכן.

ער האָט אויך געזען רחוב מענדעלע, רחוב הערצל, רחוב אחד העם, רחוב בן יהודה. עס זיינען נאָך געווען פיל אַנדערע גאַסן מיט נעמען פון דער יידישער געשיכטע. ווען מען גייט אין תל־אביב און מען לייענט די נעמען פון די גאַסן, קען עס זיין אַ גוטע צוגרייטונג צו אַ שול־עקזאַמען פון יידישער געשיכטע.

אין תל־אביב געפינען זיך די מערסטע טעאַטערס פון לאַנד. דאָרט איז אויך דאָ די איינציקע אָפּערע און דער ישראלדיקער סימפאָנישער אָרקעסטער, וואָס איז באַקאַנט אין דער גאַנצער וועלט. אין תל־אביב גייען אַרויס 21 טאָג צייטונגען, די גרעסטע צייטונגען פון לאַנד. אין תל־אביב געפינען זיך די צענטראַלע ביוראָס פון אַ סך ישראל אָרגאַניזאַציעס און אויך אַ טייל פון די רעגירונג ביוראָס.

אין די ערשטע יאָרן פון דער מדינה איז תל־אביב געווען די הויפּטשטאָט פון לאַנד. איצט איז עס ירושלים.

תל־אביב איז דער האַנדלס צענטער פון לאַנד און אויך אַ גרויסער אינדוסטריעלער צענטער. אין דער שטאָט און אַרום דער שטאָט געפינען זיך אַ סך פאַבריקן וואו מען אַרבעט אויס פאַרשידענע אַרטיקלען.

נאָכמיטאָג האָבן מרדכי און זיין פאַמיליע געמאַכט אַ שפּאַציר ביים ברעג ים, געזען די הויכע געביידע פון דער פלי־ליניע „אל־על״, די שיינע געביידע פון דער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע „הסתדרות העובדים״ (קורץ גערופן „הסתדרות״), דעם שטאָטישן גאָרטן און אויך דעם „גן חיות״. ווען זיי זיינען אַהיימגעקומען פון דעם שפּאַציר זענען זיי געווען אַזוי מיד, אַז זיי האָבן שוין ניט געקאָנט גיין אין אָוונט אויף קיין שום אַנדערע באַזוכן. זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן פול מיט איינדרוקן פון דער גרעסטער שטאָט אין ישראל.

**
*

צו מאָרגנס האָבן די גאָלדבערגס באַזוכט דעם מוזעאום וואו עס געפינען זיך אַ סך בילדער און אינטערעסאַנטע זאַכן פון יידישער און אַלגעמיינער געשיכטע. זיי האָבן אויך געזען די גרויסע שטאָטישע סינאַגאָגע און געפאָרן קיין יפו, וואָס איז איצט אַ טייל פון תל־אביב.

יפו זעט אויס אינגאַנצן אַנדערש ווי תל־אביב. דאָרט זיינען די מערסטע הייזער ניט מאָדערנע, נאָר אַלטע און טונקעלע. די גאַסן זיינען מערסטנס געדרייטע. אין יפו געפינען זיך אַ סך אַראַבער וואָס אַ טייל פון זיי גייען אַנדערש אָנגעטאָן ווי אייראָפּייער. זיי טראָגן לאַנגע ווייסע כאַלאַטן, זיצן ביי די טירן און רויכערן לאַנגע ליולקעס.

יפו איז אַמאָל געווען אינגאַנצן אַן אַראַבישע שטאָט. היינט וואוינען דאָרט אַ סך יידן.

אין אָוונט איז די משפחה געגאַנגען זען אַ פאָרשטעלונג אין „היכל התרבות״ (קולטור פאַלאַץ). דאָס איז אַ נייע, און זייער שיינע געביידע וואו עס קומען פאָר קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען. דאָרט איז פאַראַן דער גרעסטער זאַל אין לאַנד וואו עס קענען אַריין אַרום פינף טויזנט מענטשן.

In Hebrew: "garden of animals" — Zoo	גן חיות	Flat	פלאַך
Impressions	איינדרוקן	Suburb	פאָרשטאָט
Crooked, uneven	קרום	Stroll	שפּאַציר
Long robes	כאַלאַטן	Signs	אויפשריפטן
Pipes	ליולקעס	Pleasure	הנאה
Show	פאָרשטעלונג	Translations	איבערזעצונגען
In Hebrew: Palace of Culture	היכל התרבות	Newspapers	צייטונגען
		Capital	הויפּטשטאָט

אַ באַזוך אין ירושלים

(ערשטער טייל)

מיט גרויס דערוואַרטונג האָט זיך די פאַמיליע גאָלדבערג דערנענטערט צו ירושלים.

זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון תל־אביב מיט אַן אויטאָ. זיי זיינען דורכגעפאָרן לוד, וואו עס געפינט זיך דער צענטראַלער לופט פעלד פון ישראל, און פון דאָרט איז דער וועג וואָס אַמאָל געגאַנגען העכער. די בערגלעך זיינען געוואָרן קליינע בערג און די קליינע בערג זיינען געוואָרן גרעסערע בערג.

קומענדיק נענטער צו ירושלים האָט מען בלויז דאָ און דאָרט געזען אַ דאָרף, בלויז דאָ און דאָרט האָט מען געזען אַ ביסל גרינס און ביימער. די בערג זיינען ווילד און פול מיט שטיינער.

אויף אַ געוויס אָרט האָבן זיי באַמערקט באַשעדיקטע געפאַנצערטע וואָגנס. דאָרט זיינען זיי געבליבן פון דער צייט ווען ירושלים איז געווען אַרומגערינגלט פון די אַראַבער און די יידן האָבן דורכגעבראָכן דעם וועג. דאָס איז געווען אין יאָר 1948, בשעת דער מלחמה פאַר אומאָפהענגיקייט.

נאָך איין שעה רייזע האָט זיך באַוויזן אין דער ווייטנס די שטאָט ירושלים, ווייט צעוואָרפן אויף עטלעכע בערג; געביידעס גרויסע און קליינע, פיל טורעמס, קירכעס.

אַ ציטער האָט זיי דורכגענומען. ירושלים — די אייביקע שטאָט! ירושלים — די הייליקע שטאָט! דאָ איז מיט דריי טויזנט יאָר צוריק אַנטשטאַנען די יידישע מלוכה. דאָ צווישן

די מויערן וואָס זיי זעען איצט האָבן שפּאַצירט דוד המלך און שלמה המלך, ירמיהו הנביא, יהודה המכבי, בר כוכבא. דאָ איז געשטאַנען און חרוב געוואָרן דער ערשטער בית המקדש און דער צווייטער בית המקדש. דאָ שטייט דער כותל המערבי, די פאַרבליבענע וואַנט פון בית המקדש.

אין אַלע דורות, אין אַלע לענדער האָבן יידן גע־דאַוונט מיט זייערע פּנימער געווענדעט צו דער שטאָט ירושלים.

***

די גאָלדבערגס זיינען געקומען אין האָטעל. זיי וועלן בלייבן אין ירושלים ניט ווייניקער ווי דריי טעג, ווייל זיי ווילן גוט באַקוקן די אייביקע שטאָט וואָס איז איצט די הויפּטשטאָט פון מדינת ישראל.

די גאַסן אין ירושלים זיינען אַנדערש ווי אין תל־אביב אָדער חיפה. אַלע הייזער זיינען געבויט פון שטיינער און דעריבער זעען אויס אַפילו די נייע הייזער ווי אַלטע.

תל־אביב און חיפה זעען אויס ווייס און העל. ירושלים זעט אויס טונקל און ערנסט, ווייל די שטיינער פון וועלכע די היי־זער זיינען געבויט זעען אויס אַלט און גרוי.

עס איז פאַראַן אַן אַלטער טייל פון ירושלים, וואָס איז שוין אַלט עטלעכע טויזנט יאָר, און אַ נייער טייל פון ירוש־לים, וואָס איז אַלט אינגאַנצן אַרום הונדערט יאָר.

ווען מדינת ישראל איז אַנטשטאַנען אין 1948 האָבן די יידן און אַראַבער געקעמפט אין ירושלים. יעדער צד האָט געוואָלט די שטאָט פאַר זיך. ווען דער קאַמף האָט אויפגעהערט איז יעדער צד געבליבן ביי דעם טייל שטאָט וואָס זיי האָבן דע־מאָלט געהאַלטן. די יידן זיינען געבליבן ביי ניי־ירושלים און

אַ קלײנעם טײל פון אַלט־ירושלים. בײ די אַראַבער איז געבליבן דער גרעסטער טײל פון אַלט־ירושלים.

— וואָס װעלן מיר זען צום ערשטן? — האָט געפרעגט דער טאַטע.

— מיר קענען זען אַ סך װיכטיקע ערטער — האָט געענטפערט דער װעג װײזער.

— הר ציון, װאו דוד המלכ׳ס קבר געפינט זיך.

אָדער,

— די כנסת, װאָס איז דער פּאַרלאַמענט פון דער ייִדישער מדינה, און די בניני האומה, װאו עס געפינען זיך די העכסטע ייִדישע אינסטיטוציעס.

— די פּראַכטיקע בנינים פון דעם אוניװערזיטעט.

— הר הרצל װאו עס געפינען זיך די קברים פון טעאָדאָר הרצל, דעם גרינדער פון ציוניזם און פון אַנדערע פירער פון ציוניזם, און אויך די קברים פון די װאָס זײנען געפאַלן אין דער אומאָפּהענגיקײט מלחמה.

אָדער,

— די פאַרשידענע געגנטן פון שטאָט (שכונות) װאָס זײנען אַזוי אַנדערש אײנע פון דער אַנדערער.

***

זײ האָבן אויסגעקליבן צו זען קודם כל דאָס הײליקסטע אָרט אין ייִדישן טײל פון ירושלים — הר ציון.

דאָס איז אַ הויכער באַרג אויף װעלכן עס איז נישט אַזוי לײכט אַרויפצוקומען. זײ האָבן זיך עטלעכע מאָל געמוזט אָפּרוען אויף די שטײנערנע שטיגן װאָס פירן ביז צום שפּיץ באַרג.

אויפן שפּיץ באַרג געפינט זיך אַ הייל. פון דער הייל גייט מען אַריין דורך אַ לאַנגן טונעל אין אַן אַנדערער הייל. אומעטום איז זייער טונקל, אומעטום ברענען וואַקסענע ליכט, גרויסע און קליינע. עס זעט אויס זייער, זייער אַלט און זייער אַנדערש. די פּנימער פון אַלע באַזוכער זיינען ערנסט ווי אין אַ הייליק אָרט.

ביי דוד׳ס קבר וואָס געפינט זיך אין סאַמע סוף פון הייל צינדט אָן יעדער באַזוכער אַ ליכטל. הונדערטער קליינע ליכטעלעך ברענען אַרום דעם קבר. מענטשן שטייען, קיינער רעדט נישט קיין וואָרט און יעדער קלערט ביי זיך: מיט דריי טויזנט יאָר צוריק האָט מען דאָ באַגראָבן דעם גרעסטן יידישן מלך וואָס האָט געמאַכט ירושלים פאַר אַ הויפּטשטאָט און אָנגעשריבן דאָס בוך תהילים, דאָס בוך פון געזאַנגען פאַר גאָט.

מרדכי, זיין שוועסטער און זייערע עלטערן האָבן געקויפט פיר ליכטלעך און זיי אָנגעצונדן ביי דוד המלכ׳ס קבר. אַ מאַן האָט געזאָגט אַ תפילה.

טיף באַאיינדרוקט זיינען זיי פאַמעלעך אַרויס פון דער הייל און אַראָפּ פון הויכן באַרג.

נאָכמיטאָג זיינען די גאָלדבערגס געפאָרן זען דעם ירושלימער אוניווערזיטעט.

דער ירושלימער אוניווערזיטעט איז אַ לאַנגע צייט געווען דער איינציקער אוניווערזיטעט אין לאַנד. איצט זיינען פאַראַן נאָך הויכע לערן־אַנשטאַלטן, אָבער דער ירושלימער אוניווערזיטעט איז געבליבן די גרעסטע לערן־אינסטיטוציע פון לאַנד, באַוואוסט אין דער גאַנצער וועלט.

די נייע געביידעס פון אוניווערזיטעט געפינען זיך הינטער דער שטאָט. יעדע געביידע איז אַנדערש, אין אַן אַנדער סטיל געבויט. שיין און אָריגינעל איז דער גרויסער אודיטאָרים און



דער ירושלימער אוניווערזיטעט

די סינאַגאָגע. ביי דעם אוניווערזיטעט געפינט זיך די יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, וואָס איז די גרעסטע ביבליאָטעק אין נאָענטן מזרח. דאָרט זיינען אויך אויסגעשטעלט אונטער גלאָז די אוראַלטע מגילות וואָס מען האָט נישט לאַנג צוריק געפונען ביים ים המלח. אין אַן אַנדער אָרט פון שטאָט געפינט זיך אַן אָפּטיילונג פון דער מעדיצינישער שול און דער גרעסטער שפּיטאָל אין לאַנד, דער שיינער, נייער „הדסה" שפּיטאָל, וואָס ליגט אויף אַ הויכן באַרג.

זיי זיינען געוועזן שטאָלץ מיט דעם וואָס אין זייער אַ קורצער צייט האָט ישראל באַוויזן אויפצובויען אַזאַ גרויסע, באַרימטע לערן אינסטיטוציע. די זאָרג פאַר לערנען איז שטענדיג געווען די גרעסטע זאָרג ביי יידן. אַזוי איז אויך איצט אין דער יידישער מדינה.

More and more .... וואָסאַמאָל	Expectation .... דערוואַרטונג
Damaged .... באַשעדיקטע	Approached, came near .... דערנענטערט
Armored .... געפּאַנצערטע	

Surrounded	אַרומגערינגלט
Broke through	דורכגעבראָכן
Towers	טורעמס
Churches	קירכעס
To quiver, tremble	ציטער
Eternal	אייביק
Ages, generations	דורות
Pointed, turned	געווענדעט
Dark	טונקל
Serious, solemn	ערנסט
Side	צד
In Hebrew: The National Buildings	בניני האומה
Buildings	בנינים
Graves	קברים
To rest	אָפּרוען
Steps	שטיגן
Cave	הייל
Psalms, a book of the Bible	תהילים
Impressed	באַאיינדרוקט
Educational institution	לערן אַנשטאַלט
Style	סטיל
Ancient	אוראַלטע
Dead Sea scrolls	מגילות פון ים המלח
Branch, department	אָפּטיילונג

אַ באַזוך אין ירושלים

(צווייטער טייל)

צומאָרגנס זיינען זיי אַרויף אויף אַן אַנדערן באַרג — הר הרצל. דאָס איז איינער פון די העכסטע בערג אַרום ירושלים (קנאַפּע 3000 פוס איבערן פלאַך פון ים).

פון שפּיץ באַרג קען מען זען די גאַנצע שטאָט ירושלים, וואָס איז צעשפּרייט אויף בערג, בערגלעך און טאָלן. מען קען אויך זען די גאַנצע געגנט אַרום, מיילן ווייט, ביז דעם ים המלח וואָס געפינט זיך 30 מייל פון שטאָט.

אויפן סאַמע שפּיץ באַרג זעט מען אַן אַרומגעצוימט אָרט — דאָס איז דער קבר הערצל, דאָס אָרט וואו עס ליגט דער גרינדער פון דער אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך אונטערגענומען



ירושלים

צו בויען אַ יידיש לאַנד אין ארץ ישראל. די ביינער פון הערצ־לען האָט מען געבראַכט אין 1951 פון דער שטאָט ווין, 47 יאָר נאָך זיין טויט.

הערצל האָט פאָראויסגעזען אין יאָר 1897 אַז פופציק יאָר שפּעטער וועט שוין זיין אַ יידישע מדינה. ווען ער האָט די ווערטער געזאָגט האָט ארץ ישראל געהערט צו די טערקן; אין גאַנצן לאַנד האָבן געוואוינט נישט מער ווי דרייסיק טויזנט יידן. ער האָט געזאָגט: „מען וועט זיכער לאַכן ווען מען וועט דאָס הערן, אָבער אין פופציק יאָר אַרום וועט זיין אַ יידישע מדינה״. אַ סך האָבן טאַקע דעמאָלט געלאַכט. ער האָט זיך טועה געווען בלויז מיט איין יאָר — די מדינה איז געגרינדעט געוואָרן אין 1948, מיט 51 יאָר נאָך דעם ווי ער האָט די ווער־טער געזאָגט.

אויפן באַרג געפינען זיך אויך די קברים פון די וואָס זיי־

נען געפאַלן אין באַפרייאונג קאַמף פון ישראל. מען זעט ווי יונג די העלדן זיינען געווען. אויפשריפטן האָבן געוויזן אַז טייל געפאַלענע זיינען געווען 16 און אַפילו 15 יאָר אַלט. יינגלעך און מיידלעך אויך פון דעם עלטער האָבן אָנטייל גע־נומען אין קאַמף פאַר באַפרייאונג.

לעבן הר הרצל געפינט זיך אַ פלאַץ וואו עס זיינען באַ־האַלטן פאַרברענטע ספר תורות, און אַנדערע שרעקלעכע געדענק־זאַכן פון דעם חורבן וואָס נאַצי דייטשלאַנד האָט אָנ־געטאָן צו די יידן פון אייראָפּע. דאָס וואָס זיי האָבן דאָרט געזען האָט זיי אַרומגענומען מיט אַ ציטער און טרויער. זיי האָבן שוין ניט געמאַכט קיין אַנדערע באַזוכן, עס איז געווען צו פיל פאַר איין טאָג.

אין אָוונט האָבן זיי גערוט און בלויז צוגעהערט זיך צום ראַדיאָ „קול ישראל" וואָס האָט געגעבן אַ פּראָגראַם פון מוזיק און נייסן אין עברית און אויך אין יידיש און ענגליש.

***

אין לעצטן טאָג פון זייער באַזוך אין ירושלים האָבן זיי געזען די „כנסת" — (דעם פּאַרלאַמענט פון ישראל), און דאָס שיינע הויז פון קרן קימת לישראל (נאַציאָנאַל פאָנד) וואו עס געפינט זיך דער אַרבעט־צימער פון טעאָדאָר הערצל. דאָרט שטייט דער טיש ביי וועלכן ער האָט אָנגעשריבן זיין בוך „יודנ־שטאַט", אין וועלכן ער האָט גערופן צו שאַפן אַ יידישע מדינה; דאָרט געפינען זיך אַלע ביכער און אַרטיקלען וואָס הערצל האָט אָנגעשריבן און אויך געדענק־זאַכן פון הערצל'ס לעבן.

נאָכמיטאָג זיינען די גאָלדבערגס געגאַנגען זען די פאַר־שידענע געגנטן פון שטאָט. אין ירושלים לעבן יידן פון כמעט אַלע לענדער. שטענדיק זיינען יידן געקומען פון אַלע עקן וועלט אין דער הייליקסטער יידישער שטאָט.

צווישן די איינוואוינער פון שטאָט געפינען זיך אָפּשטאַמיקע פון די יידן וואָס האָבן פאַרלאָזט שפּאַניע, מען רופט זיי ספרדים (ספרד מיינט שפּאַניע).

די יידן וואָס זיינען אַהער געקומען פון די לענדער פון צענטראַל אייראָפּע און מזרח אייראָפּע רופן זיך אַשכנזים (אַשכנז מיינט דייטשלאַנד). פון דייטשלאַנד האָבן די יידן שפּעטער זיך אויסגעשפּרייט אין אַ סך אַנדערע לענדער און די מערהייט פון יידישן פאָלק באַשטייט היינט פון אַשכנזים. אין ירושלים געפינען זיך אויך אַ סך יידן פון די אַראַבישע לענדער, ווי תימן, מאַראָקאָ, סיריע. זיי זיינען טונקעלער ווי די אַשכנזישע יידן. אַ סך פון זיי גייען אויך אַנדערש אָנגעטאָן, כמעט אַזוי ווי אַראַבער. עס זיינען אויך דאָ עקזאָטישע יידן פון אינדיע און פון פאַרשידענע ווייטע לענדער אין אַפריקע און אַזיע, יעדער מיט אַן אַנדערן אויסזען און אַנדערע מנהגים.

די גאָלדבערגס האָבן געזען דעם שטאָט־טייל „מאה שערים", וואו עס וואוינען די זייער פרומע יידן. דאָרט טראָגן אַלע ייִנגלעך יאַרמעלקעס און לאַנגע פּאות.

צום סאַמע סוף האָבן זיי נאָך באַזוכט דעם מוזעאום „בצלאל" וואו עס געפינט זיך אַ זאַמלונג פון קונסט־זאַכן און אַ קונסט־שולע. די קונסט־שולע ביי „בצלאל" איז דאָס אָרט וואו מען האָט אָנגעהויבן אויסאַרבעטן די שיינע מעטאַלענע טעלער און קונסט־זאַכן וואָס געפינען זיך היינט אין כמעט יעדער יידישער היים אין אַמעריקע.

נישט גאַנץ ירושלים געפינט זיך היינט אין מדינת ישראל. די שטאָט איז צעטיילט אין צוויי. די גרענעץ גייט אין מיטן פון דער שטאָט. אין דעם יידישן טייל פון ירושלים וואוינען אַרום 200 טויזנט מענטשן.

כמעט דער גאַנצער אַלטער טייל פון ירושלים געפינט זיך

אין אַראַבישע הענט, און געהערט צו דער ירדן־מלוכה. אין דעם אַראַבישן טייל פון ירושלים געפינען זיך עטלעכע הייליקע ערטער פאַר די יידן. דער וויכטיקסטער פון זיי איז דער כותל המערבי. דאָס איז די איינציקע וואַנט וואָס איז געבליבן פון בית המקדש וואָס די רוימער האָבן חרוב געמאַכט מיט ניינצן הונדערט יאָר צוריק (אין יאָר 70). אין אַלע צייטן זיינען דאָרט יידן געקומען דאַווענען. היינט קענען די יידן דאָרט ניט צוקו־מען. די אַראַבישע מלוכה לאָזט זיי ניט אַריין.

***

די משפחה גאָלדבערג איז צוריק געפאָרן פון ירושלים קיין תל־אָביב מיט זייער שטאַרקע און טיפע איינדרוקן פון זייער באַזוך אין ירושלים. די שטאָט איז אינגאַנצן אַנדערש פון יעדער אַנדערער שטאָט וואָס זיי האָבן ווען עס איז געזען, אַנדערש אויך פון חיפה און תל־אָביב.

אין ירושלים ווערט לעבעדיק די געשיכטע וואָס מען לייענט אין ביכער. דאָ פילט מען די אַלטקייט און הייליקייט פון דער שטאָט און אויך פון גאַנצן לאַנד. די שטאָט איז הייליק נישט בלויז פאַר יידן, נאָר אויך פאַר קריסטן און מאַכמעדאַנער. מען זעט אין ירושלים אַ סך גייסטלעכע און אַ סך נישט־יידן וואָס קומען באַזוכן די שטאָט. יעדעס הויז, יעדער שטיין אין ירושלים זעט אויס אַלט, וויכטיק און הייליק.

Yemen .... תימן —a small backward country at the tip of the Arabian Peninsula	Tomb .... קבר
Customs .... מנהגים	Spread out .... צעשפּרייט
Sidecurls .... פּאות	Fenced in .... אַרומגעצוימט
Art school .... קונסט־שולע	Erred, made a mistake .... טועה געווען
Members of the clergy, priests .... גייסטלעכע	Heroes .... העלדן
Border .... גרענעץ	Took part .... אָנטייל גענומען
Impression .... איינדרוק	Awsome, terrible .... שרעקלעך
	Destruction .... חורבן
	Descendents .... אָפּשטאַמיקע

אַ באַזוך אין די אַלטע דערפער און קאָלאָניעס

די עלטסטע יידישע דערפער זיינען אינגאַנצן 80 יאָר אַלט, — האָט דער וועגווייזער געזאָגט.

אין 1882 איז ארץ ישראל נאָך געווען וויסט און ווייניק באַוואוינט. די אַראַבער האָבן באַאַר־בעט בלויז אַ קליינעם טייל פון לאַנד. זייערע דערפער זיינען געווען אָרעם און פרימיטיוו. בלויז אַרום 30 טויזנט יידן האָבן דעמאָלט געוואוינט אין ארץ ישראל. די מערסטע זיינען געווען אַלטע, פרומע לייט וואָס האָבן געוואוינט אין די 4 הייליקע שטעט: ירושלים, טבריה, צפת און חברון.

דעמאָלט איז געקומען אין לאַנד אַריין אַ גרופּע יונגע סטודענטן פון רוסלאַנד. זיי האָבן אין רוסלאַנד געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „בילו״ (וואָס זיינען די איניציאַלן פון בית יעקב לכו ונלכה — קינדער פון יעקב לאָמיר גיין).

די מענטשן פון „בילו״ האָבן גערופן: אויב יידן ווילן האָבן אַ היים פאַר זיך, מוזן זיי אויפבויען דאָס לאַנד! זיי מוזן ווערן פיאָנערן, זיי מוזן בויען דערפער, בויען וועגן, באַוואַסערן דאָס לאַנד!

איינער פון די ערשטע יידישע דערפער אין ישראל איז ראשון לציון. (ראשון לציון מיינט דער ערשטער קיין ציון,

דער פיאָנער פון ציון). מען האָט די דערפער אין ישראל גע־
רופן קאָלאָניעס, אין העברעאיש מושבות.

— מיר פאָרן קיין ראשון לציון, האָט אויסגערופן דער
פירער.

די גאָלדבערגס זיינען אָנגעקומען קיין ראשון לציון אין
דער פרי. ראשון לציון זעט היינט אויס גיכער ווי אַ שטאָט,
אָבער אַ שטאָט וואָס ליגט איינגאַנצן אין גרינס און צווישן
ביימער. אומעטום זיינען פאַראַן גאָרטנס (מען רופט זיי פרדסים)
און ווייַנגערטנער.

אין ראשון לציון האָט דער גרויסער יידישער פילאַנטראָפּ
באַראָן ראָטשילד אויפגעבויט איינעם פון די גרעסטע ווייַנקע־
לערס אין דער וועלט. מען מאַכט דאָרט דעם באַרימטן „כרמל"־
וויין.

די גאָלדבערגס האָבן באַזוכט די ווייַנקעלערס. זיי געפינען
זיך אונטער דער ערד אין גרויסע היילן און טונעלן. עס שטייען
דאָרט צענדליקער פעסער פול מיט וויין, יעדער פאַס אַזוי
גרויס ווי אַ הויז. וואָס לענגער וויין פערמענטירט אין די פע־
סער, אַלץ בעסער איז דער וויין. צו מאַכן גוטן וויין — מוז
דער וויין זיין אין די פעסער אַ סך יאָרן.

אַ מאַן האָט זיי געפירט אין די האַלב־פינצטערע, לאַנגע
קאָרידאָרן. ער האָט יעדן באַזוכער געגעבן אַ קליין גלאָז וויין
צו טרינקען. דער וויין איז געווען זייער גוט און שטאַרק.

— אפשרווילט איר נאָך אַ קליין גלעזל? — האָט דער
מאַן געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— יאָ, — האָבן געענטפערט מרדכי און דער טאַטע, —
און אויסגעטרונקען נאָך אַ קליין גלעזעלע.



ביים קבר פון חיים וויצמאַן

ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון קעלער האָט מרדכי דערשפירט ווי דער קאָפּ דרייט זיך אים. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן טאַטען און געזאָגט: — טאַטע, איך פיל מאָדנע, דער קאָפּ טוט מיר וויי.

דער טאַטע האָט געלאַכט און געענטפערט: — אויך מיר דרייט זיך דער קאָפּ. מיר זיינען אַ ביסעלע שיכור. דער ווין איז זייער שטאַרק. דער מאַן האָט אונדז געוואָלט ווייזן ווי שטאַרק „כרמל"-וויין איז. ער האָט געוואָלט אָפּטאָן אַ שפּיצל און מאַכן אונדז אַ ביסל שיכור. אָבער עס מאַכט ניט אויס, איך פיל ווי פּסח נאָך די פיר כוסות.

פון ראשון לציון זיינען זיי געפאָרן אין אַן אַלט יידיש דאָרף מיטן נאָמען רחובות. אויך רחובות זעט היינט אויס ווי אַ שטאָט. אויך דאָרט זיינען פאַראַן פּרדסים און וויינגערטנער. רחובות איז באַקאַנט צוליב דריי זאַכן:

1. דאָרט האָט געוואוינט דער ערשטער פּרעזידענט פון ישראל חיים וויצמאַן. עס געפינט זיך היינט אין רחובות זיין קבר אין מיטן פון זייער אַ שיינעם פּאַרק.
2. אין רחובות געפינען זיך די אַגריקולטור-לאַבאָראַטאָריעס

וואו מען וויל געפינען די בעסטע מעטאָדן צו באַארבעטן די ערד פון ישׂראל. אין ישׂראל איז דאָס זייער וויכטיק, ווייל די ערד איז פיל הונדערטער יאָרן געווען פאַרלאָזט.

3. היינט איז רחובות באַזונדערס באַרימט מיט דעם וואָס דאָרט געפינט זיך דער „ווייצמאַן וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט". אין דעם אינסטיטוט אַרבעטן הונדערטער געלערנטע, פיזיקער, כעמיקער און פון אַנדערע וויסנשאַפטן, וואָס פאָרשן כסדר און לערנען כסדר.

אַ סך נייע דערפינדונגען זיינען שוין געמאַכט געוואָרן אין ווייצמאַן־אינסטיטוט. פיל געלערנטע פון אינסטיטוט זיינען וועלט באַרימט. דער אינסטיטוט איז היינט איינער פון די וויכטיקסטע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן אין דער גאַנצער וועלט, כאָטש ער איז געגרינדעט געוואָרן ערשט ניט לאַנג צוריק, אין 1946.

To play a practical joke	אָפּטאָן אַ שפּיצל	Desolate	וויסט
To do research	פאָרשן	Initials	איניציאַלן
Famous	באַרימט	Winery	ווייַנקעלער
Sciences	וויסנשאַפטן	Barrels	פעסער
Continuously	כסדר	Funny, bizarre	מאָדנע
Discoveries, inventions	דערפינדונגען	To get dizzy	דרייען אין קאָפּ
Scholars, scientists	געלערנטע	Drunk	שיכור
		Philantropist	פילאַנטראָפּ

דער עמק און נהלל

מיר פאָרן אין עמק!

— וואָס מיינט עמק? — פרעגט לאה.

— עמק מיינט אַ טאָל, — ענטפערט דער טאַטע.

— איז בלויז איין טאָל פאַראַן אין ישראל? — פרעגט ווייטער לאה.

— ניין, — זאָגט דער טאַטע, — פאַראַן אַ סך טאָלן אין ישראל. אָבער מיר פאָרן זען דעם זייער וויכטיקן טאָל וואָס הייסט עמק יזרעאל. ווייל ער איז דער באַקאַנטסטער טאָל אין ישראל, רופט מען אים קורץ לויטן ערשטן נאָמען — עמק.

מרדכי און לאה האָבן גענומען די מאַפּע פון ישראל און געפונען דעם עמק. ער ליגט צווישן חיפה און טייך ירדן און צופוס פון די בערג פון גליל.

זיי זיינען געפאָרן אַליין, אָן אַ וועגווייזער. זיי זיינען געקומען אין אַ דאָרף מיטן נאָמען נהלל. דאָרט האָט געוואוינט אַ קוזין פון די גאָלדבערגס. ער איז געקומען פון פּוילן קיין ארץ ישראל מיט העכער 40 יאָר צוריק. זיין נאָמען איז יעקב שדמי.

געקומען זיינען זיי קיין נהלל פאַרנאַכט. דער קוזין האָט געוואַרט אויף זיי. ער האָט זיי אַוועקגעפירט צו זיך אַ היים. ער האָט זיי באַקאַנט מיט זיין זון און דעם זונס משפחה, וואָס האָבן געוואוינט אין אַ הויז דערלעבן.



נהלל און אַ טייל פון עמק

ביינאַכט האָט שדמי דערציילט די געשיכטע פון עמק און פון נהלל, און ער האָט געזאָגט אַזוי:

— מיט העכער 40 יאָר צוריק איז דער עמק געווען אַ טאָל פון בלויז זומפּן, מאָסקיטן און מאַלאַריע. ווען מיר, די חלוצים, זיינען אַהער געקומען איז געווען דאָ בלויז הימל און ערד און זומפּן.

מיר האָבן פון תנ״ך געוואוסט, אַז דאָ איז אַמאָל געווען פּרוכטבאַרע ערד. ווען די יידן האָבן פאַרלאָזט זייער לאַנד איז די ערד געוואָרן וויסט. אין טייל ערטער איז געוואָרן אַ מדבר, אין אַנדערע ערטער — אַ זומפּ.

מען האָט אונדז געוואָרנט, אַז די געגנט איז פאַרפּעסטעט מיט מאַלאַריע. אָבער מיר האָבן באַשלאָסן צו בלייבן דאָ,

אויסטריקענען די זומפּן כדי מענטשן זאָלן זיך קענען באַזעצן אין גאַנצן טאָל.

פיל יאָרן פון ביטערער אַרבעט זיינען פאַריבער, — האָט דערציילט יעקב שדמי. — אַ סך פון אונדזערע חברים זיינען קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע און געשטאָרבן. אָבער די אַנ־דערע זיינען פאַרבליבן און ווייטער געטריקנט די זומפּן. מיר האָבן געבראַכט עקאַליפּטוס־ביימער פון אויסטראַליע וואָס ציען אַרויס וואַסער פון דער ערד. אין דער זעלבער צייט האָבן מיר געמוזט קעמפן מיט די אַראַבער, וואָס זיינען כסדר אונדז באַ־פאַלן. נישט איין חבר איז געפאַלן פון אַ קויל, אָבער נישט מאַלאַריע און נישט די אַראַבער האָבן אונדז געקענט פאַרטרייבן פון דעם אָרט.

היינט שטייען מיר אין מיטן פון אַ גרינעם, פרוכטבאַרן טאָל. צענדליקער דערפער געפינען זיך דאָ, מושבי עובדים און קיבוצים.

עס וואַקסן אין עמק פאַרשידענע געוויקסן, גרינסן און פרוכטן. נישטאָ מער קיין געפערלעכע מאָסקיטן און קיין מאַ־לאַריע. נישטאָ מער קיין מאַלאַריע אין גאַנץ ישראל. פון אומעטום האָט מען די געפערלעכע קראַנקהייט פאַרטריבן, אָבער אַ סך פון אונדזערע בעסטע חברים האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס כדי אַנדערע זאָלן קענען דאָ וואוינען און לעבן.

***

נהלל איז געווען דאָס ערשטע יידישע דאָרף אין דער געגנט. נהלל איז אַ מושב עובדים, אָדער ווי מיר זאָגן עס קורץ „אַ מושב".

— וואָס מיינט אַ מושב? — האָט געפרעגט מרדכי.

— אַ מושב, — האָט געענטפערט יעקב שדמי, — איז אַ

קאָאָפּעראַטיוו דאָרף. יעדער איינוואוינער האָט זיין אייגן הויז און זיין אייגן פעלד, אָבער די מאַשינען צו באַאַרבעטן די ערד געהערן צום גאַנצן דאָרף, צו אַלע צוזאַמען. צוזאַמען פאַר־קויפט מען דאָס גערעטעניש און צוזאַמען קויפט מען איין וויכטיקע זאַכן. דאָס מאַכט גרינגער צו קריגן בעסערע פרייזן. ווען מען באַאַרבעט צוזאַמען די ערד מיט די בעסטע מאַשינען קומט עס אויך אויס ביליקער און בעסער. **די הסתדרות**, די אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער אין ישראל, פירט אָן מיט די מושבים און קיבוצים און העלפט זיי אַרויס מיט אַ סך זאַכן.

ווען אַ חבר פון מושב ווערט קראַנק, דאַרפן די אַנדערע חברים פון מושב אים העלפן און אויך באַאַרבעטן זיין לאַנד.

אין צענטער פון אַזאַ קאָאָפּעראַטיוו געפינען זיך די געביידעס וואָס אַלע באַנוצן: די שול, די ביוראָס (אָפּיסעס), די קראָמען.

פון צענטער דאָרף, וואָס זעט אויס ווי אַ ראָד, גייען אַרויס די גאַסן ווי שטראַלן אין אַלע זייטן.

דער עמק יזרעאל איז אַ וויכטיקער טייל פון ישראל. פון דאָרט קומט אַ גרויסער טייל פון ישראלס אַגריקולטור. דאָרט געפינען זיך אַ סך וויכטיקע מושבים און קיבוצים.

וואָס אַזוינס איז אַ קיבוץ וועלן מיר גענויער געוואָר ווערן אַ ביסל ווייטער.

Valley	עמק (טאָל)
At the foot	צופוס
Family	משפחה
Fertile	פרוכטבאַר
Warned	געוואָרנט
To drain	אויסטריקענען
Infected, pested	פאַרפעסטעט
Eucalyptus tree	עקאַליפּטוס־בוים
Chase away, push out	פאַרטרייבן
Fear	שרעק
Harvest	גערעטעניש
Buildings	געביידעס
Rays	שטראַלן
In more detail	גענויער

ים כנרת און טבריה

פון נהלל איז שוין נאָענט צום ים כנרת, — האָט געזאָגט שדמי. — פאָרט אַהין! עס זיינען דאָרט פאַראַן זייער אינטערעסאַנטע זאַכן צו זען.

עס האָט געדויערט בלויז איין שעה צו קומען צום ים כנרת. זיי זיינען אָנגעקומען אין דער אַלטער שטאָט טבריה.

איר קענט זען אויף דער מאַפּע, אַז דער ים כנרת איז אין אמתן ניט קיין ים. מען רופט אים ים, אָבער ער איז אַן אָזערע. דער טייך ירדן פליסט אַריין אין כנרת פון איין זייט און פליסט אַרויס פון דער צווייטער זייט ביז ער קומט צו אַ גאָר גרויסער אָזערע, צום ים המלח. (זע אויף דער מאַפּע).

דער ים כנרת געפינט זיך 600 פוס נידעריקער פון ים־פלאַך. דערפאַר איז דאָרט אַזוי הייס. וואָס נידעריקער פון ים־פלאַך — אַלץ הייסער ווערט עס. וואָס העכער אין די בערג — אַלץ קילער איז עס. בלויז אַ פּאָר מייל פון ים כנרת געפינען זיך די בערג פון גליל. אין דער זעלבער צייט ווען אין די בערג איז קיל, איז ביים ים כנרת הייס.

אין ים כנרת געפינען זיך אַ סך פיש. פישער לאָזן זיך אַרויס אויף זייערע שיפלעך כאַפּן פיש. די גרענעץ מיטן אַראַבישן לאַנד סיריע געפינט זיך זייער נאָענט פון כנרת און די סיריער שיסן אָפט אויף די יידישע פישערלייט. דאָס האַלט זיי אָבער ניט אָפּ פון אַרויספאָרן יעדן טאָג אויף זייערע שיפלעך.



ט ב ר י ה

פון ים כנרת גייען איצט גרויסע רערן ביזן נגב. דורך די ר'ערן ברענגט מען וואַסער פאַר די טרוקענע פעלדער פון נגב.

דער ים כנרת איז זייער שיין: הויכע בערג אַרום און אַרום און דאָס וואַסער אַזוי שטיל און טיף בלוי. טיילמאָל אָבער צעשטורעמט זיך דאָס וואַסער און כנרת זעט אויס ווי אַן אמתער ים. עס איז דעמאָלט אַ געפאַר אַרויסצופאָרן. דאָס שטורעמדיקע וואַסער דרייט איבער די שיפלעך.

ביים ים כנרת געפינט זיך אַן אָרט וואָס הייסט כפר נחום. דאָרט זיינען געמאַכט געוואָרן אינטערעסאַנטע אויסגראָבונגען, מען האָט געפונען אַ זייער אַלטע און זייער שיינע שול. אין ישראל זיינען דאָ אַ סך אויסגראָבונגען. עס איז זייער באַליבט ביי יינגלעך און מיידלעך פון ישראל צו העלפן די אויסגראָ־בונגען. עס איז ביי זיי אַ פּאָפּולערע „האָבי". אָפט געפינען זיי ווענט פון אַלטע געביידעס, אַלטע זאַכן און געלט פון פאַר צוויי טויזנט יאָר.

טבריה ליגט ביים ברעג פון כנרת. זי איז זייער אַן אַלטע שטאָט, איינע פון די עלטסטע אין ארץ ישראל. טבריה איז איינע פון די פיר אַלטע, הייליקע שטעט אין לאַנד. די אַנדערע

זיינען ירושלים, צפת און חברון (חברון געפינט זיך היינט אין קעניגרייך פון ירדן).

לעבן טבריה געפינען זיך די באַרימטע הייסע קוואַלן וואָס העלפן אויסהיילן פאַרשידענע קראַנקהייטן. זיי הייסן חמי טבריה.

אין טבריה געפינט זיך דער קבר פון רמב״ם, דעם גרויסן געלערנטן פון דער צייט פון דער „גאָלדענער עפּאָכע״ אין שפּאַניע. ער איז געבוירן געוואָרן אין שפּאַניע, דערנאָך גע־וואוינט אין עגיפּטען און צום סוף געקומען קיין ארץ ישראל און געשטאָרבן אין טבריה (לייען אין געשיכטע־בוך וועגן רמב״ם).

אין טבריה געפינט זיך אויך דער קבר פון גרויסן רבי מאיר בעל הנס. איר קענט געפינען אין אַ סך יידישע הייזער קליינע פּושקעס פון רבי מאיר בעל הנס, וואו מען לייגט אַריין געלט יעדן ערב שבת. דאָס געלט גייט אויף אויסצוהאַלטן אָרעמע יידן אין ישראל.

ביים ים כנרת און לענג אויס דעם טייך ירדן געפינט זיך אַן אַנדערער פרוכטבאַרער טאָל — עמק הירדן (דער טאָל פון ירדן). אין טאָל זיינען פאַראַן אַ סך שיינע יידישע דערפער. מיר וועלן באַזוכן דאָ בלויז איין דאָרף מיטן נאָמען **דגניה**, ווייל דגניה איז זייער באַרימט.

Lake	אָזערע	Heal	אויסהיילן
Flows	פליסט	Grave, tomb	קבר
Gets stormy	צעשטורעמט זיך	Boxes	פּושקעס
Excavations	אויסגראָבונגען	Famous	באַרימט
Hot springs	הייסע קוואַלן		

דער קיבוץ דגניה

דגניה איז אַ קיבוץ — דער ערשטער קיבוץ אין ישראל. ער איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1910.

— וואָס איז אַ קיבוץ? — אַ קיבוץ איז אַ דאָרף וואו אַלע אַרבעטן צוזאַמען און טיילן זיך מיט דעם וואָס זיי פאַרדינען, אַזוי ווי מיטגלידער פון איין משפחה. זיי באַקומען נישט קיין געלט פאַר זייער אַרבעט, זיי באַקומען אָבער אַלץ וואָס זיי דאַרפן האָבן. אין די קיבוצים עסן אַלע צוזאַמען אין איין עס־צימער און די קינדער געפינען זיך אין אַ קינדער־היים.

אַלע אין קיבוץ זיינען גלייך און עס זיינען דאָרט ניטאָ קיין אָרעמע און רייכע, ניטאָ קיין בעסער באַצאָלטע און וויניקער באַצאָלטע. אַלע אַרבעטן גלייך.

דגניה איז אַן אַלטער און רייכער קיבוץ. די געביידעס זיינען שיין. דער אַלגעמיינער עס־צימער איז גרויס און זייער באַקוועם. דאָרט קומען פאָר אויך פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן און פאַרזאַמלונגען. שיין זיינען די קינדער־היימען, די שולן, דער הויף. עטלעכע חברים פון קיבוץ זיינען פאַרנומען יעדן טאָג בלויז ביים אַכטונג געבן אויף בלומען, פלאַנצן און גראָז אויפן הויף פון קיבוץ און אַרום די הייזער.

עס האָט גענומען צענדליקער יאָרן ביז עס איז געוואָרן אַזוי שיין און אַזוי באַקוועם אין דגניה ווי עס איז היינט. לאַנגע יאָרן האָבן די חברים פון דגניה געליטן הונגער. זיי האָבן געמוזט שווער אַרבעטן בייטאָג און שטיין אויף דער וואַך ביינאַכט.



דגניה ביים כנרת

דגניה פראָדוציִרט היינט כמעט אַלע לאַנד־פּראָדוקטן וואָס וואַקסן אין ישראל. דער קיבוץ פאַרמאָגט פּרדסים פון ציטרוס־פרוכטן; עס וואַקסן אַ סך באַנאַנעס און אַנדערע טראָפּישע און סוב־טראָפּישע פרוכטן. דגניה האָט אַ הייסן קלימאַט און אַ סך וואַסער, דערפאַר זיינען דאָ גרויסע גערעטעניש. אין ישראל וואַקסן אַ סך גרינסן עטלעכע מאָל אין יאָר.

עס זיינען דאָ צוויי דגניה׳עס — דגניה אלף און דגניה בית. דגניה ב׳ איז אַנטשטאַנען ווען די באַפעלקערונג פון דגניה אָ׳ איז געוואָרן גרויס. דגניה ב׳ איז אינגאַנצן איין מייל פון דגניה א׳.

אין דגניה א׳ איז דאָ אַ שיינער נאַטור־מוזעאום אויפן נאָמען פון אהרון דוד גאָרדאָן. מען האָט אָנגערופן דעם מוזעאום אויפן נאָמען פון א. ד. גאָרדאָן ווייל ער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע שאַפער פון די קיבוצים און ווייל ער האָט זייער ליב געהאַט די נאַטור.

א. ד. גאָרדאָן איז געקומען קיין ארץ ישראל ווען ער איז שוין אַלט געווען קנאַפּע 50 יאָר. ער איז געווען אַ געלערנטער

און אַ שרייבער. ער האָט געשריבן, אַז יעדער מענטש דאַרף אַרבעטן, ווייל אַרבעט בעסערט אויס דעם מענטשן. די שענסטע אַרבעט איז די אַרבעט אין דאָרף און אין פעלד. כאָטש ער איז שוין ניט געווען יונג און קיינמאָל פריער ניט געאַרבעט פיזיש, האָט ער אין ארץ ישראל שווער געאַרבעט גאַנצע טעג אין פעלד אונטער דער הייסער זון. א. ד. גאָרדאָן איז געשטאָרבן, אָבער זיין לערע איז געבליבן און זיין נאָמען איז באַליבט.

אין דער צייט פון דער באַפרייאונג־מלחמה איז די סירישע אַרמיי אָנגעפאַלן מיט טאַנקען אויף דגניה. די מענטשן פון דגניה האָבן נישט געהאַט קיין שווער געווער אָפּצושטעלן טאַנ־קען, האָבן זיי געוואָרפן פלעשער מיט גאַזאָלין און אָנגעצונדן עטלעכע טאַנקען. איין באַשעדיקטער סירישער טאַנק שטייט ביז היינט צו טאָג ביים אַריינגאַנג פון דגניה, ווי אַן אָנדענק פון יידישער גבורה ביים פאַרטיידיקן דאָס לאַנד.

***

דגניה איז זייער געפעלן דער משפחה גאָלדבערג. זיי האָבן געהאַט אַ סך צו קלערן וועגן אַ קיבוץ ווען זיי האָבן פאַרלאָזט דגניה.

Kibbutz, communal settlement .... קיבוץ
Founded .... געגרינדעט
Members .... מיטגלידער
Buildings .... געביידעס
Common .... אַלגעמיינער
Comfortable .... באַקוועם
Meetings .... פאַרזאַמלונגען
Court .... הויף
It has taken .... געדויערט

Suffered .... געליטן
To stand guard .... שטיין אויף דער וואַך
Produces .... פּראָדוצירט
Citrus fruit orchard .... פרדס
Harvest .... גערעטעניש
Founder .... גרינדער
Arms .... געווער
Courage, heroism .... גבורה
To defend .... פאַרטיידיקן

צפת און דער גליל

ווען ביים ים כנרת איז הייס איז אין צפת קיל, און די נעכט זיינען אַפילו קאַלטע.

צפת איז בלויז 15 מייל פון ים כנרת, אָבער צפת ליגט אין די הויכע בערג פון גליל. דער־פאַר קומען אַהין זומער פון גאַנצן לאַנד אַ סך מענטשן אויף אָפּרו. צפת איז אַן אָפּרו־אָרט מיט אַ סך האָטעלן.

די שטאָט צפת איז זייער אַלט. זי איז איינע פון די פיר הייליקע שטעט אין ארץ ישראל (ירושלים, צפת, טבריה און חברון). אין צפת האָט יוסף קאָרו אָנגעשריבן דאָס באַוואוסטע בוך פון יידישע געזעצן „שלחן ערוך‟, וואָס איז נאָך היינט ברייט באַקאַנט (לייען אין געשיכטע־בוך וועגן „שלחן ערוך‟).

צפת איז אַ זייער קאַלירפולע שטאָט, זי ליגט אויף עטלעכע בערג. די שמאָלע, טונקעלע, אַלטע געסלעך שלענגלען זיך און גייען באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף. פרומע יידן אין שטריימלעך און פאות איילן זיך צו די אַלטע שולן וואָס זיינען באַקאַנט לויט די נעמען פון די גרויסע רבנים וואָס האָבן דאָרט געלערנט. צוליב דער שיינקייט פון דער שטאָט און צוליב איר אַלטקייט איז צפת געוואָרן אַ באַליבטע שטאָט פאַר מאָלערס. אַ גרויסע צאָל מאָלערס וואוינען אין צפת און מען זעט ווי זיי שטייען אין די גאַסן און מאָלן בילדער.

די בערג פון גליל זיינען די העכסטע בערג אין ישראל. גליל איז אַ פּראָווינץ וואָס פאַרנעמט דעם צפון־טייל פון לאַנד (ווי דער נגב פאַרנעמט דעם דרום־טייל פון ישראל).



צפת

איין טייל פון גליל ווערט גערופן **גליל התחתון**, דער אונטערשטער גליל. דער צווייטער טייל, לעבן דער גרענעץ פון לבנון און סיריע, ווערט גערופן **גליל העליון**, דער אויבערשטער גליל. די בערג אין גליל העליון זיינען העכער ווי אין גליל התחתון.

אין גליל געפינט זיך די שטאָט **נצרת**. דאָס איז אַ הייליקע שטאָט פאַר קריסטן, דאָרט געפינען זיך וויכטיקע הייליקע פלעצער פון דער קריסטלעכער רעליגיע. אין נצרת וואוינען אַ סך אַראַבער, מער ווי אין יעדער אַנדערער שטאָט אין ישראל. אַ טייל פון די אַראַבער וואָס וואוינען אין נצרת זיינען קריסטן, די אַנדערע זיינען מאַכמעדאַנער.

ביי דער גרענעץ מיט לבנון געפינט זיך מטולה. דאָס איז דער ווייטסטער פונקט אין צפון פון ישראל.

נישט ווייט פון מטולה געפינט זיך תל־חי. תל־חי איז באַרימט מיט דעם וואָס אין יאָר 1920 איז דאָרט געפאַלן דער גרויסער יידישער העלד יוסף טרומפּעלדאָר. ער איז אומגעקומען ווען ער האָט צוזאַמען מיט נאָך צען חלוצים פאַרטיידיקט דאָס דאָרף קעגן אַ גרויסער מחנה אַראַבישע אָנפאַלער. ער איז געשטאָרבן מיט די ווערטער אויף די ליפּן: „אין דבר, טוב למות בעד ארצנו״ (עס מאַכט נישט אויס: עס איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד). עס שטייט היינט דאָרט אַ דענקמאָל אין אָנדענק פון יוסף טרומפּעלדאָר און די העלדן פון תל־חי.

די וואַסערן פון טייך ירדן הייבן זיך אָן אין די בערג פון לבנון. פון עטלעכע טייכלעך ווערט איין טייך, דער ירדן, וואָס פאַלט אַריין אין כנרת. נישט ווייט פון כנרת איז געווען אַ גרויסע אָזערע וואָס מען האָט גערופן ים חולה. דער ים חולה איז געווען פול מיט זומפּן און עס זיינען דאָרט געווען זעלטענע פייגל. מען האָט לעצטנס די זומפּן אויסגעטריקנט, און דער ים חולה איז כמעט פאַרשוואונדן. מען האָט איבערגעלאָזט אַ ביסל וואַסער און אַ ביסל זומפּן, אַז די זעלטענע פייגל זאָלן ניט פאַרשווינדן. היינט איז דאָ אויף דעם פּלאַץ פון די זומפּן פרוכטבאַרע ערד און בליענדיקע דערפער.

Defended	פאַרטיידיקט	Fur hats worn by very orthodox Jews	שטריימלען
Memorial, statue	דענקמאָל	Sidelocks	פּאות
Army, multitude	מחנה	Painters	מאַלערס
Disappeared	פאַרשוואונדן	Holy	הייליק
Fertile	פרוכטבאַר	Holy places	הייליקע פּלעצער
Swamps	זומפּן		

גשר הזיו —
אַן אַמעריקאַנער קיבוץ

די גאָלדבערגס זיינען אַרויסגעפאָרן פון צפת פאַר־טאָג. די לופט איז געווען פריש און קיל. די מאַמע האָט געוואָלט אַז די קינדער זאָלן זיך אָנטאָן וואַרעמער. מרדכי און לאה האָבן געזאָגט אַז עס איז זיי נישט קאַלט. ביז מען האָט באַשלאָסן צי עס איז יאָ קאַלט צי ניט קאַלט, איז די זון אויפגעגאַנגען און עס איז געוואָרן הייס.

— מיר פאָרן איצט זען נאָך אַ קיבוץ, — האָט געזאָגט דער טאַטע.

— אַזאַ קיבוץ ווי דגניה? — האָט געפרעגט מרדכי.

— אַזאַ קיבוץ ווי דגניה, אָבער אַ ביסל אַנדערש.

— מיט וואָס אַנדערש? — האָט מרדכי געוואָלט וויסן.

— וועסט שוין זען... — האָט געשמייכלט דער טאַטע.

זיי זיינען געפאָרן מיט אַן אויטאָ אַ שעה צייט דורך בערג און טאָלן, אַראָפּ און אַרויף. זיי האָבן געזען ווי שיין דער גליל איז. פלוצעם האָבן זיי דערזען עטלעכע געביידעס און פעלדער.

זיי זיינען אַראָפּ פון אויטאָ און צוגעגאַנגען צו עטלעכע מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט אין פעלד.

— זיי רעדן צווישן זיך אַ ביסל ענגליש און אַ ביסל העברע־איש... — האָט לאה מיט פאַרוואונדערונג אויסגעשריען.

דער טאַטע האָט געשמייכלט.

— ווער זיינען די מענטשן, טאַטע ?

— דאָס זיינען אַמעריקאַנער יונגע לייט, — האָט דער טאַ־טע געענטפערט. — אַ סורפּריז, איך קען איינעם פון זיי. ער איז אַ זון פון מיינעם אַ פריינט אין אַמעריקע.

צוויי יונגע מענטשן זיינען צוגעפאָרן אויף אַ טראַקטאָר און געפרעגט : „אַר יו אַמעריקענס ?״

זיי האָבן געפרעגט די גאָלדבערגס פון וועלכער שטאָט זיי זיינען און געבעטן אַריינצוגיין אין גרויסן עס־צימער פון קיבוץ.

דאָרט האָבן די גאָלדבערגס געוואַרט אויפן פריינד פון טאַטן.

עטלעכע מינוט שפּעטער האָט זיך די טיר געעפנט. עס איז אַריינגעקומען אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק און אויסגעשריען מיט פרייד : — העלאָ, מיסטער גאָלדבערג !

— דאָס איז מאַרווין, אַ זון פון מיין פריינד, — האָט דער טאַטע געזאָגט.

נאָך עטלעכע מינוט פרעגן פאַרשידענע פראַגעס האָט דער טאַטע געבעטן מאַרווינען ער זאָל זיי דערציילן וועגן קיבוץ גשר הזיו.

און מאַרווין האָט דערציילט די געשיכטע פון גשר הזיו :

— עס איז געווען דאָס יאָר 1949, איין יאָר נאָך דעם ווי מדינת ישראל איז אַנטשטאַנען. די מלחמה מיט די אַראַבער האָט זיך ערשט געענדיקט. מען האָט געמוזט ברענגען יידן קיין ישראל, באַזעצן און בויען די נייע מדינה.

מיר, אַ גרופּע ייִנגלעך און מיידלעך, האָבן באַלאַנגט צו דער אָרגאַניזאַציע „הבונים״ (די בויער) אין אַמעריקע. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין ישראל און העלפן בויען דאָס לאַנד.



גשר הזיו — דענקמאָל פאַר די העלדן פון הגנה
וואָס זיינען געפאַלן אויף דעם אָרט

מיר האָבן באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין אַ פּוסט אָרט אין גליל, נישט ווייט פון דער גרענעץ מיט לבנון. מיר זיינען אַלע געווען זייער גוטע און נאָענטע חברים. מיר האָבן געוואָלט בלייבן אין ישראל צוזאַמען. אין אַ קיבוץ קען מען לעבן ווי איין משפחה. מיר האָבן אויך געהאַלטן, אַז דאָס לעבן אין אַ קיבוץ איז שענער און אינטערעסאַנטער ווי אין שטאָט. מיר האָבן געוואָלט האָבן די פרייד פון אויפבויען אַ ווילד אָרט. מיר האָבן געוואָלט אָנהייבן פון גאָרנישט, זיין אמתע פּיאָנערן, אַזוי ווי די פּיאָנערן אַמאָל אין אַמעריקע. עס איז נישט געווען גרינג, גאָרנישט גרינג.

עס האָט געדויערט גאַנצע 10 יאָר ביז מיר האָבן פאַרענ־דיקט אָפּצורייניקן דאָס אָרט. ערשט פאַראַיאָר האָבן מיר אַראָפּ־גענומען די ערשטע ציטרוס־פּרוכטן. מיר פלאַנצן אַ סך באַנאַ־נעס, מיר האָבן די בעסטע באַנאַנעס אין לאַנד.

איצט זיינען מיר גרויסע ספּעציאַליסטן פון האָדעווען אינ־דיקעס. מיר האָבן אינקובאַטאָרן און פאַרקויפן יונגע אינדיקעס צו אַ סך אַנדערע פאַרמערס.

אונדזער קיבוץ האָט געמוזט האָבן געלט צו בויען נייע הייזער. האָבן מיר אויפגעבויט אַ האָטעל פאַר טוריסטן. דאָס הויז געפינט זיך אויף אַ הויך בערגל. מיר זאָגן, — האָט געלאַכט מאַרווין, — אַז עס האָט „אַ מיליאָן דאָלאַר אויסקוק" אויפן מיטללענדישן ים. עס איז דאָ אַ סך אַרבעט אומעטום. מיר נויטיקן זיך אין נייע חברים, ביז אונדזערע קינדער וועלן אויפוואַקסן און ווערן חברים פון קיבוץ.

מיסטער גאָלדבערג האָט געזאָגט: מיר וועלן בלייבן אין אייער האָטעל ביז מאָרגן. מיר וועלן זען וואָס איר טוט, ווי אַזוי איר לעבט. ווען מיר וועלן צוריק קומען קיין אַמעריקע וועלן מיר קענען דערציילן ווי אַזוי אַמעריקאַנער יונגע לייט לעבן אין ישראל. מיר וועלן אָפּגעבן אַ גרוס אייערע עלטערן און חברים.

און זיי זיינען געבליבן אַ טאָג און אַ נאַכט אין „אַמעריקאַנער קיבוץ" גשר הזיו.

באַשלאָסן	Decided
געשמייכלט	Smiled
סורפּריז	Surprise
באַלאַנגט	Belonged
באַזעצן זיך	To settle
פּוסט	Empty, desolated
אָפּגערייניקט	Cleared
(פון וואָרט „ריין")	
ספּעציאַליסטן	Specialists
אינדיקעס	Turkeys
אינקובאַטאָרן	Incubators (a place where young chickens and turkeys are hatched)
אויסקוק	View
גרוס	Greeting

גיב אַ טראַכט:

1. פאַרוואָס זיינען די אַמעריקאַנער יינגלעך און מיידלעך געפאָרן אין אַ קיבוץ קיין ישראל?
2. וואָס מיינסטו זיינען אי גוטע זייטן און די ניט־גוטע זייטן פון לעבן אין אַ קיבוץ?

באר־שבע

די שטאָט פון אברהם אבינו — היינט
די הויפּט־שטאָט פון נגב

פון גליל זיינען די גאָלדבערגס צוריק געפאָרן קיין תל־אָביב. זיי האָבן איצט אָנגעהויבן באַזוכן דעם דרום פון ישראל.

אַז מען פאָרט פון תל־אָביב צום ים המלח אָדער צום ים סוף, מוז מען דורכפאָרן באר־שבע.

באר־שבע איז זייער אַן אַלטע שטאָט. אויב איר האָט געלערנט חומש ווייסט איר וועגן באר־שבע. אויב איר האָט געלערנט וועגן אברהם אָבינו געדענקט איר באר־שבע.

דאָ האָט אברהם אָבינו געלעבט, דאָ געפינט זיך אַ ברונעם וואָס שטאַמט פון די צייטן פון אברהם אָבינו. פון דעם ברונעם האָט דער ערשטער ייד אָנגעטרונקען זיינע שאָף און זיינע קעמלען. באר־שבע מיינט „זיבן ברונעמס״; דאָ איז אַוודאי געווען איינער פון די וויניקע ערטער אין נגב וואו עס איז געווען וואַסער.

היינט איז באר־שבע די הויפּט־שטאָט פון נגב, וואָס זיין גרעסטער טייל איז נאָך אַלץ מדבר.

איין מאָל אַ וואָך קומט פאָר אין באר־שבע אַ „בעדואינער מאַרק״. עס איז אַן עקזאָטיש בילד ווען די בעדואינער פון מדבר קומען אָן אין זייערע ווייסע כאַלאַטן אויף קעמלען. זיי זעצן זיך אויס אויף דער ערד, פאַרקויפן דאָ שעפּסן, קעמלען,



באר שבע — בעדואינער מאַרק

פלייש און פעל, און קויפן אַלץ וואָס זיי באַדאַרפן. דערנאָך פאָרן זיי צוריק אין זייערע געצעלטן מיט וועלכע זיי וואַנדערן פון אָרט צו אָרט.

ווען מדינת ישראל איז אַנטשטאַנען איז באר־שבע געווען אַ קליין אַראַביש שטעטל פון בלויז 3 טויזנט מענטשן. היינט איז עס אַ גרויסע שטאָט פון 60 טויזנט, וואָס וואַקסט פון יאָר צו יאָר און האָט אַלץ וואָס אַ מאָדערנע שטאָט דאַרף האָבן. עס זיינען פאַראַן אין באר־שבע יידן פון אַלע לענדער אין דער וועלט. די מערסטע זיינען געקומען פון די אַראַבישע לענדער.

אַרום באר־שבע זיינען אויך פאַראַן אַנדערע שטעט, וואָס וואַקסן אויך אַזוי שנעל ווי באר־שבע. למשל, אַ שטאָט וואָס הייסט דימונה.

אין 1950 איז דאָרט געווען בלויז זאַמד און מדבר. די מערסטע מענטשן האָבן געהאַלטן, אַז דאָרט קען ניט זיין קיין מענטשלעכער ישוב. זיי האָבן חוזק געמאַכט און געזאָגט אַז די שטאָט דאַרף הייסן נישט דימונה, נאָר „דמיונה״, וואָס מיינט אויף העברעאיש, „אַ פאַנטאַזיע״. היינט איז דימונה נישט קיין פאַנטאַזיע, נאָר די צווייטע גרעסטע שטאָט אין נגב, אַ שטאָט מיט אַ סך הייזער, גערטנער און פאַבריקן. דימונה איז היינט אַ וויכטיקע אינדוסטריעלע שטאָט אין ישראל. לעבן דימונה געפינט זיך אַ גרויסער אַטאָמישער רעאַקטאָר, וואָס פּראָדוצירט אַטאָמישע קראַפט.

אין נגב און אין דער געגנט פון באר־שבע איז זייער הייס, בייטאָג דערגייט טיילמאָל די טעמפּעראַטור ביז 120 פאַרנהייט, אָבער עס איז אַ טרוקענע היץ און ניט קיין פייכטע היץ, דערפאַר איז לייכטער אויסצוהאַלטן.

אַ סך מענטשן באַזעצן זיך איצט אין דער געגנט אַרום באר־שבע. דער טייל פון ישראל איז אַמאָל געווען וויסט — היינט ווערט ער באַפעלקערט מיט ניי־געקומענע יידן.

Settlement	ישוב	Well	ברונעם
To ridicule	חוזק מאַכן	Market	מאַרק
Fantasy	פאַנטאַזיע	Exotic	עקזאָטיש
Populated	באַפעלקערט	Long robes	כאַלאַטן
Humid	פייכט	Hides	פעל

דער נגב און דער פּאָרט אין אילת

1.

פון באר־שבע פירט אַ לאַנגער וועג ביז צום סוף פון נגב, ביז צום פּאָרט אילת.

דער וועג איז זייער אַ שיינער. פון ביידע זייטן זעט מען הויכע בערג און פעלזן. די פעלזן האָבן פאַרשידענע קאָלירן — רויט, ברוין, גרין, געל. ווען די זון גייט אויף אָדער גייט אונטער זעט עס אויס פאַנטאַסטיש, ווי אַ קאָלירטער פילם.

אָט קומט אַרויף דער וועג זייער הויך און אָט דרייט ער זיך אַרום אַ באַרג, אַז עס כאַפּט אַזש אַ שרעק ווען מען קוקט אַראָפּ. אין די זייטן פון וועג זעט מען טיפע אָפּגרונטן. ווינטער פליסן דאָרט שטורעמדיקע טייכן, זומער טריקענען אויס די טייכן.

אַ טייל פון נגב איז פלאַך לאַנד, פול מיט זאַמד — אַ מדבר! עס בלאָזן הייסע ווינטן. קיין וואַסער איז נישטאָ. ווי איז דעם וואָס נעמט ניט מיט גענוג וואַסער צו שטילן דעם דורשט. בלויז דאָ און דאָרט געפינט מען אַן אָאַזיס, וואו מען זעט גרינע ביימער און עס איז פאַראַן וואַסער. פון צייט צו צייט זעט מען אַ לאַנגן קאַראַוואַן קעמלען וואָס גייט פּאַמעלעך, פּאַמעלעך דורך דעם מדבר.

אין נגב וואוינען בעדואינער. די בעדואינער לעבן אין שבטים, עטלעכע גרויסע משפחות צוזאַמען. די בעדואינער זיי־

בן גוריון ביי דער אַרבעט אין קיבוץ שדה בוקר

נען נאָמאַדן, זיי וואוינען איןביידלעך און וואַנדערן פון אָרט צו אָרט מיט זייערע קעמלען און שעפּסן.

אַמאָל, מיט טויזנט יאָר צוריק, זיינען געווען אין נגב בליענ־דיקע דערפער און שיינע שטעט. די איינוואוינער האָבן גע־וואוסט ווי אַזוי צו זאַמלען וואַסער און צו באַאַרבעטן דאָס לאַנד. מען האָט לאַנג ניט געגלויבט, אַז אין מדבר פון נגב האָבן אַמאָל געבליט די פעלדער און אַז דאָרט זיינען געווען גרויסע שטעט, ביז — ביז מען האָט לעצטנס געמאַכט אויסגראָ־בונגען און געפונען רואינען פון שטעט און דערפער. מען האָט געפונען רעשטלעך פון לאַנגע קאַנאַלן און וואַסער־טורעמס.

טוריסטן באַזוכן די אויסגראָבונגען און באַוואונדערן ווי מענטשן האָבן געוואוסט מיט טויזנט יאָר צוריק ווי אַזוי צו מאַכן אַ מדבר בליען. דאָס ווייזט אַז דער נגב קען ווערן פרוכטבאַר. מען פירט איצט גרויסע וואַסער־רערן פון כנרת ביזן נגב. דאָס וואַסער וועט מאַכן די פעלדער בליען. דאָס וואַסער וועט מאַכן דעם נגב בליען.

אין די זאַמדן פון מדבר און אין די פעלזן פון נגב געפינען זיך די מערסטע נאַטור־אוצרות וואָס ישראל פאַרמאָגט. מען האָט וועגן זיי נישט געוואוסט, ערשט נישט לאַנג צוריק האָט מען זיי געפונען.

מען האָט געפונען פאָספאַטן, מען האָט געפונען מעטאַלן, צווישן זיי אייזן און קופער. אין תנ״ך איז פאַראַן אַ באַשרייבונג ווי שלמה המלך האָט באַאַרבעט קופער אין נגב. געלערנטע האָבן נאָכגעקוקט אין תנ״ך די באַשרייבונג, געקומען צו דעם אָרט און טאַקע געפונען דאָרט קופער. היינט גראָבן דאָרט הונדערטער מענטשן קופער און באַאַרבעטן אים. דאָס אָרט הייסט תימנע און געפינט זיך אַ צוואַנציק מייל פון פּאָרט אילת, וואָס איז ביים רויטן ים.

2.

ווי האָט אויסגעזען אילת ווען מדינת ישראל איז אַנטשטאַנען? — עס זיינען דאָרט געווען בלויז דריי קליינע הייזער און אַן ענגלישער פּאָליציי־פּאָסטן. היינט איז דאָס אַ וויכטיקער פּאָרט אין ישראל, אַ שטאָט פון איבער 10 טויזנט איינוואוינער וואָס וואַקסט כסדר.

דער נגב זעט אויס ווי אַ דרייעק, פון וועלכן דער שמאָלער עק ענדיקט זיך ביים רויטן ים — ביי אילת. דער ים הייסט אין העברעאיש ים סוף און איז באַקאַנט פון דער מעשה פון יציאת מצרים.

ישראל פאַרמאָגט בלויז אַ קליינעם פּאַס ביים ברעג פון רויטן ים, וואָס איז אינגאַנצן 8 מייל לאַנג. דער שמאָלער ברעג איז אָבער זייער וויכטיק, ווייל פון רויטן ים איז דאָ אַ גלייכע פאַרבינדונג מיט די לענדער פון אַפריקע און אַזיע.



דער פּאָרט אין אילת

אויב מען וויל פאָרן מיט אַ שיף פון חיפה אָדער תל־אָביב קיין אַזיע אָדער דרום־אַפריקע, מוז מען דורכפאָרן דעם סועץ־קאַנאַל (זע אויף דער מאַפּע). ווען מען פאָרט אָבער פון אילת דאַרף מען ניט דורכפאָרן דעם סועץ־קאַנאַל. יעדע שיף וואָס פאָרט דורך דעם סועץ־קאַנאַל מוז באַצאָלן אַ גרויסע סומע געלט און מוז האָבן די דערלויבעניש פון עגיפּטן. ישראל־שיפן קענען אינגאַנצן ניט דורכפאָרן דעם קאַנאַל. דערפאַר איז דער פּאָרט אילת אַזוי וויכטיק. עס עפנט פאַר ישראל דעם טויער צו אַפריקע, אַזיע און אויסטראַליע.

קיין אילת ברענגט מען מיט שיפן אויל. ישראל האָט גע־פונען אויל אין נגב, אָבער נישט גענוג פאַר דעם וואָס זי דאַרף האָבן.

אין אילת בויט מען איצט אַ פאַבריק וואו מען וועט זיס מאַכן דאָס געזאַלצענע וואַסער פון ים. אַ כעמיקער פון ישראל האָט דערפונדן אַ מעטאָדע ווי עס צו מאַכן זייער ביליק (זיין נאָמען איז זאַרכין). אויב עס וועט געלינגען וועט עס זיין אַ ברכה פאַר אַלע לענדער וואָס האָבן ניט גענוג וואַסער.

נישט לאַנג צוריק האָט מען פאַרענדיקט בויען אַ רערן־ליניע אונטער דער ערד וואָס ברענגט אויל פון אילת ביז חיפה, וואו מען רייניקט אים אין די דאָרטיקע גרויסע ראַפינעריעס.

קיין אילת קומען אַ סך טוריסטן, באַזונדערס ווינטער־צייט. ווינטער איז דאָרט וואַרעם און מען קען זיך באָדן אַ גאַנץ יאָר אין רויטן ים. עס זיינען אין אילת פאַראַן גלעזערנע שיפלעך אין וועלכע טוריסטן פאָרן און קענען זען וואָס עס טוט זיך טיף אין ים. דער רויטער ים איז זייער דורכזיכטיק. מען קען זען דורכן דיל פון די שיפלעך זעלטענע פיש און אינטערע־סאַנטע געוויקסן.

אין פאָרט פון אילת קומען אָן האַנדלס־שיפן, מיליטערישע שיפן און פישער־שיפן. אין ים־סוף זיינען פאַראַן אַ סך פיש. פאַראַן דאָרט אַזעלכע פיש וואָס מען זעט נאָר אין רויטן ים.

דער נגב פאַרנעמט אַ העלפט פון דער טעריטאָריע פון ישראל. דער נגב און דער פאָרט פון אילת זיינען זייער וויכטיק פאַר דער צוקונפט פון ישראל.

.1

פעלזן	Rocks
אָפּגרונט	Precipice
אויסגראָבונגען	Excavations
רעשטלעך	Remains, remnants
דורכזיכטיק	Transparent
דורשט	Thirst
טורעם	Tower
נאַטור־אוצרות	Natural Resources
דערפונדן	Discovered
פאָספאַטן	Phosphats

.2

דרייעק	Triangle
פאַרבינדונג	Connection
רערן־ליניע	Pipe line
דערלויבעניש	Permission
דיל	Floor, bottom
טויער	Gate
כעמיקער	Chemist
ביליק	Cheap
רייניקט	Cleaned

ים המלח

דער נידעריקסטער פלאַץ אויף דער וועלט

פון באר־שבע פירט דער וועג צום ים המלח אַראָפּ און אַראָפּ. מיט יעדער מינוט ווערט הייסער, ווייל וואָס נידעריקער פון ים־פלאַך אַן אָרט געפינט זיך, אַלץ הייסער איז דאָרט.

ווען מען פאָרט צום ים המלח באַווייזט זיך דער ים פון גאָר ווייט. די לופט אין ישראל איז זייער דורכזיכטיק.

ים המלח מיינט אויף יידיש דער ים פון זאַלץ. אויף ענגליש הייסט דער ים המלח „טויטער ים". אַלץ אַרום איז געזאַלצן, אַלץ אַרום איז טויט. עס וואַקסט גאָרנישט.

אַפילו אויב מען קען נישט שווימען דאַרף מען נישט מורא האָבן צו באָדן זיך אין ים המלח. דאָס וואַסער איז אַזוי געדיכט מיט זאַלץ אַז מען קען אין דעם וואַסער גיין שפּאַצירן. עס רעגנט דאָ זייער זעלטן, עס איז זייער הייס. דער נאָמען „טויטער ים" איז דערפאַר אַ ריכטיקער נאָמען. דאָס הייסט, עס איז געווען אַ ריכטיקער נאָמען ביז נישט לאַנג צוריק. היינט איז אַרום ים המלח נישט טויט. טויזנטער מענטשן אַרבעטן דאָרט.

***

פאַראַן אַן אָרט ביים ים וואָס הייסט **סדום**. איר געדענקט אַוודאי די מעשה פון חומש ווי גאָט האָט מיט אַ רעגן פון פייער חרוב געמאַכט די שטעט סדום און עמורה, ווייל דאָרט האָבן אַלע מענטשן געטאָן בלויז שלעכטס.

דער וועג באַרג אַראָפּ צום ים המלח

היינט געפינט זיך אין סדום אַ גרויסע פאַבריק וואָס ציט אַרויס זאַלץ און פאַרשידענע מינעראַלן פון ים המלח. דער ים המלח איז זייער רייך אין מינעראַלן. עס איז דאָס רייכסטע אָרט אין דער וועלט פון וויכטיקן מינעראַל פּאָטאַסיום (Potassium), אויך אַ סך מאַגנעז (Magnesium) געפינט זיך דאָרט. דער גרעסטער טייל פון די מינעראַלן וואָס מען ציט אַרויס פון ים המלח גייט אויף עקספּאָרט אין צענדליקער לענדער פון דער וועלט.

אין דער געגנט אַרום ים המלח האָט מען לעצטנס אויך געפונען אַנדערע רייכטימער. מען האָט געפונען ערד־גאַז וואָס מען נוצט פאַר באַהייצונג. מענטשן באַזעצן זיך מער און מער אין דער אַמאָל טויטער געגנט.

אין עטלעכע ערטער פון דער וויסטעניש האָבן חלוצים זיך באַזעצט. זיי האָבן געוואָלט באַווייזן אַז אויך אין געזאַלצענעם

טויטן מדבר קען וואַקסן; אויך אַ מדבר קען אויפבליען, אויב מען טוט אַריין אַ סך אַרבעט.

אַ גרופּע פון 60 יונגע מענטשן האָט זיך באַזעצט אין אַן אָרט וואָס רופט זיך עין גדי; דאָרט איז די ערד געווען גע־זאַלצן און פול מיט שטיינער. פריער פון אַלץ האָבן זיי גע־מוזט אַרויסנעמען די טויזנטער שטיינער און שטיינדלעך פון באָדן. אָבער אַז די ערד איז געווען שוין ריין פון שטיינער האָט נאָך אַלץ נישט געקענט וואַקסן. מען האָט געמוזט ברענ־גען זיס וואַסער און וואַשן דעם באָדן, עס זאָל אַוועקוואַשן דעם זאַלץ. דאָס האָט געדויערט עטלעכע יאָר, ביז עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע גרינסן און די ערשטע ביימעלעך האָבן אָנגעהויבן שפּראָצן. אַרום זיינען געווען פעלזן און זאַמד, בלויז אויף איין אָרט אין מדבר איז געווען גרין.

אין עין גדי ווערן גרינסן שוין צייטיק אין יאַנואַר. פון דאַנען קומען די ערשטע גרינסן פון לאַנד. מען האָפט, אַז עס איז נאָענט די צייט ווען די געגנט אַרום ים המלח וועט ווידער ווערן באַוואוינט און עס וועלן דאָ ווידער אַמאָל זיין שטעט און דערפער. די מענטשן וואָס וועלן דאָ וואוינען וועלן אָבער זיכער זיך פירן אַנדערש ווי די מענטשן וואָס זיינען אַמאָל געווען אין סדום און עמורה...

אין דער געגנט פון ים המלח געפינען זיך אַ סך פעלזן און היילן. אין דער צייט פון די מלחמות וואָס יידן האָבן אַמאָל געפירט קעגן זייערע שונאים האָבן די יידן זיך געזאַמלט אין די בערג און היילן לעבן ים המלח. פון דאָרט האָבן זיי גע־קעמפט מיט זייערע שונאים.

נאָך דעם ווי די רוימער האָבן באַזיגט די יידן און איינגע־נומען ירושלים זיינען יידישע קעמפער אַנטלאָפן אין די בערג פון ים המלח און פון דאָרט געפירט זייער לעצטן קאַמף מיט די רוימער.

טויזנטער שילער קומען יעדן יאָר אין די היילן, צו זען די רעשטלעך פון די יידישע פעסטונגען. אַמבעסטן באַקאַנט איז די פעסטונג מצדה (מאַצאַדאַ) וואָס געפינט זיך אויף אַ שפּיץ באַרג. נאָך דעם ווי די רוימער האָבן איינגענומען ירושלים האָבן זיי אַרומגערינגלט די פעסטונג מצדה. זיי האָבן אָפּגעשניטן דעם וועג און נישט געלאָזט אַריינברענגען עסן און וואַסער. אָן וואַסער האָבן די יידן נישט געקענט מער קעמפן און זיי האָבן זיך אַליין דערשטאָכן, כדי נישט אַריינצו־פאַלן אין די הענט פון די רוימער.

אין די היילן אַרום ים המלח האָבן נישט לאַנג צוריק אַראַ־בישע פּאַסטוכער געפונען די ים המלח מגילות, געשרי־בענע מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. די מגילות זיינען באַרימט אין דער גאַנצער וועלט. מען קען זיי איצט זען אין ירושלים.

אין אַנדערע היילן האָט מען מיט עטלעכע יאָר צוריק גע־פונען בריוו און זאַכן פון בר כוכבא און זיין אַרמיי. צוליב דעם וואָס דער קלימאַט אַרום ים המלח איז הייס און זייער טרוקן, זיינען די זאַכן און די מגילות געבליבן גאַנץ. זיי העלפן אונדז אויסצוגעפינען אַ סך וויכטיקע נייס וועגן יענער צייט.

Surrounded
Encircled .... אַרומגערינגלט
Stabbed themselves .... דערשטאָכן
Scripts .... שריפטן
Dead Sea
Scrolls .... ים המלח מגילות

Sea level .... ים־פלאַך
Thick, saturated .... געדיכט
To take a walk .... גיין שפּאַצירן
Natural gas .... ערד־גאַז
Heating .... באַהייצונג
Ripe .... צייטיק
Fortress .... פעסטונג

סוף פון דער רייזע

אונדזער רייזע קיין מדינת ישראל האָבן מיר פאַרענדיקט. מיר זיינען געפאָרן פון ״אילת ביז מטולה״, געזען די וויכטיקע און אינטערעסאַנטע ערטער אין ישׂראל.

מיר זיינען געווען אין די גרעסטע שטעט פון לאַנד: אין ירושלים, תל־אָביב און חיפה. געזען די דערפער און קיבוצים. געווען ביים רויטן ים, ביים טויטן ים (ים המלח) און ביים כנרת. געווען אין מדבר פון נגב און אין די בערג פון גליל.

דאָס יידישע לאַנד איז ניט גרויס, אָבער עס איז זייער שיין און פאַרשידנאַרטיק. אָט זיינען הויכע בערג און באַלד דערנאָך טיפע טאָלן. דאָ איז זייער הייס און אַ פאָר מייל ווייטער איז קיל. דאָ איז אַ מדבר און נישט ווייט גרינט און בליט.

נאָענט פון ערטער וואָס זיינען אַלט טויזנטער יאָרן זעט מען מאָדערנע נייע הייזער.

די מענטשן אין ישראל זיינען אויך זייער פאַרשידן. אין נגב זעט מען נאָמאַדן (די בעדואינער), וואָס וואַנדערן פון אָרט צו אָרט און לעבן ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק. אין זעלבן נגב באַאַרבעטן חלוצים די ערד לויט די מאָדערנסטע מעטאָדן.

קיין ישראל זיינען געקומען יידן פון אַלע עקן וועלט. יונגע חלוצים פון פוילן, רוסלאַנד און אַמעריקע; יתומים וואָס זייערע עלטערן זיינען אומגעקומען אין דער מלחמה; יידן וואָס האָבן געמוזט אַנטלויפן פון די אַראַבישע לענדער; יידן וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די קאָמוניסטישע לענדער; יידן פון די אָפּגע־שטאַנענע לענדער פון אַפריקע און אַזיע; יידן פון זייער אַנט־וויקלטע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע.

אַלע יידן וואָס זיינען געקומען קיין ישראל פון די פיר עקן וועלט בויען איצט צוזאַמען אַ ניי יידיש לעבן און אַ ניי יידיש לאַנד.

אַ פאָלק בויט זיין צוקונפט אין זיין אייגן לאַנד, — מיט ענערגיע, מיט ענטוזיאַזם און גלויבן.

פאַרשידנאַרטיק	Varied	יתומים	Orphans
אָפּגעשטאַנען	Backward	ענערגיע	Energy
אַנטוויקלט	Developed	גלויבן	Faith

צוגאָבן

— 1 —

גיב אַ קוק אויף דער מאַפּע

הי איר זעט פון דער מאַפּע פאַרנעמט ישראל אַ שמאָלן און לאַנגן שטח ביים ברעג פון מיטל־לענדישן ים.

ישראל איז ניט קיין גרויס לאַנד, פאַרנעמט בלויז העכער 8.000 סקווער מייל.

פון דרום האָט ישראל אַ צוטריט צום רויטן ים (ים סוף), וואו עס וואַקסט איצט די נייע פּאָרט־שטאָט אילת.

פון מערב און דרום גרענעצט זיך ישראל מיט מצרים און אויך מיט דעם „עזה־פּאַס", וואָס איז אַמאָל געווען אַ טייל פון ארץ־ישראל און מצרים האָט עס פאַרכאַפּט ביי דער לעצ־טער מלחמה.

די מערבדיקע גרענעץ איז אַ ים גרענעץ, דאָס איז דער מיטללענדישער ים (ים התיכון) וואָס פאַרבינדט ישראל מיט די וויכטיקסטע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע.

אין צפון גרענעצט זיך ישראל מיט דעם לאַנד לבנון און מיט סיריע. אין מזרח מיט סיריע און מיט דעם ירדן־קעניגרייך. די ירדנער האָבן פאַרנומען דעם טייל פון ישראל וואָס האָט געזאָלט זיין אַ באַזונדערע אַראַבישע מדינה און פאַראייניקט עס מיט זייער לאַנד. מיט דעם ירדן־קעניג־רייך האָט ישראל די לענגסטע גרענעץ.

ישראל האָט ניט קיין גרענעץ מיט סאַודי אַראַביע, אָבער סאַודי אַראַביע געפינט זיך בלויז עטלעכע מייל פון ישראל ביים עקבה גאָלף אויפן רויטן ים.

אַלע לענדער וואָס גרענעצן זיך מיט ישראל זיינען אַראַ־בישע לענדער. דערווייל ווילן זיי נישט לעבן בשלום מיט ישראל. זיי זיינען בייז וואָס די יידן האָבן צוריק באַקומען זייער לאַנד. מיר האָפן, אַז מיט דער צייט וועלן זיי שלום מאַכן מיט ישראל.

***

ווען מען קוקט אויף דער מאַפּע פון ישראל זעט מען, אַז ישראל איז צעטיילט אויף דריי וויכטיקע טיילן.

איין טייל איז אין צפון: פון דער שטאָט חיפה ביז ים כנרת, אַרויף ביז דער גרענעץ מיט לבנון און סיריע. דאָס איז אַ באַרגיקע געגנט וואָס מען רופט גליל מיט צוויי גרויסע טאָלן וואו די בערג הויבן זיך אָן עמק יזרעאל און עמק הירדן.

דער צווייטער טייל איז אַ שמאָלער פּאַס פון חיפה ביז צום עזה פּאַס, וואָס איז אין דרום פון תל־אָביב. דאָס איז אַ פלאַכ־לאַנד שרון, זייער פּרוכטבאַר און געדיכט באַוואַקסן. דאָ וואוינט די מערהייט פון ישראלס באַפעלקערונג.

דער דריטער טייל איז אַ גרויס שטיק לאַנד אין דרום, וואָס מען רופט נגב. דאָס איז מערסטנס אַ מדבר, שטיי־נערנע בערג, זייער ווייניק באַפעלקערט.

די מערסטע בערג פון ישראל געפינען זיך אין גליל (ביז 6,000 פוס די הויך). עס זיינען אויך פאַראַן בערג אין קאָרידאָר צווישן תל־אָביב און ירושלים, די הרי יהודה (בערג פון יהודה). דער טייל לאַנד אַרום ירושלים ווערט גערופן יהודה, ווייל דאָ איז אַמאָל געווען מלכות יהודה (קע־

ניגרייך פון יהודה), ווען דאָס לאַנד איז צעטיילט געוואָרן אין מלכות יהודה און מלכות ישראל.

אין נגב, כאָטש עס איז אַ מדבר, געפינען זיך הויכע בערג, ווילדע און שיינע. דאָס זיינען מערסטנס שטיינערנע בערג פון פיל פּראַכטיקע קאָלירן.

קיין טייכן זיינען אין נגב נישט פאַראַן. ווען עס רעגנט פילן זיך אָן אַ סך ערד־שפּאַלטן מיט וואַסער (מען רופט זיי וואַדיס), אָבער שפּעטער טריקענען זיי אויס.

דער וויכטיקסטער טייך אין ארץ ישראל איז דער ירדן, וואָס איז זייער באַקאַנט אין דער געשיכטע. ער הויבט זיך אָן אין די בערג פון גליל, פאַלט דערנאָך אַריין אין אַ קליינער אָזערע, וואָס הייסט ים חולה.

פון ים חולה פליסט דער ירדן ביז ים כנרת (דער נאָמען כנרת קומט פון וואָרט כנור, אַ פידל, ווייל די אָזערע האָט דעם אויסזען פון אַ פידל).

פון כנרת פליסט ווייטער דער ירדן ביזן ים המלח. אַ טייל פון ירדן און אויך פון ים המלח געפינט זיך (ווי איר זעט אויף דער מאַפּע) אין דער טעריטאָריע פון ירדן־קעניגרייך. דאָס וואַסער פון ים המלח איז זייער געזאַלצן, נאָך געזאַלצענער ווי „סאָלט לייק" אין אַמעריקע.

דער נגב איז דער דרום־טייל פון ישראל. ער האָט די פאָרעם פון אַ דרייעק. דער שפּיץ פון דרייעק איז ביים רויטן ים. דאָרט געפינט זיך דער פּאָרט אילת. אין נגב איז טרוקן און הייס.

אויך די פיזישע מאַפּע פון ישראל ענדערט זיך. דאָרט וואו עס זיינען געווען זומפּיקע אָזערעס ווערט גוט לאַנד, דאָרט וואו עס איז געווען מדבר ווערט אויס מדבר. דאָס טוען יידן מיט זייער אַרבעט, מיט זייער מוט און מיט זייער מוח.

שטח	Area
גרענעצט	Borders
פלאַכלאַנד	Plain, low land
מערהייט	Majority
פראַכטיק	Magnificent
ערד־שפּאַלטן	Crevices
ענדערט זיך	Changes
מוט	Bravery
מוח	Brains

— 2 —

לאָמיר זיך דערמאָנען וואָס מיר האָבן געלערנט...

פון כנען ביז מדינת ישראל

צוויי טויזנט יאָר איז ארץ ישראל (דאָס לאַנד פון ישראל) געווען אין פרעמדע הענט, ביז עס איז געקומען דער טאָג פון ה' אייר תש״ח, דער טאָג מאַי 1948, ווען עס איז פּראָקלאַמירט גע־וואָרן די באַנייטע ייִדישע מדינה, ישראל.

***

פון דער ייִדישער געשיכטע וואָס מיר האָבן געלערנט, געדענקען מיר ווי די ייִדן זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, אַריבער דעם טייך ירדן און איינגענומען דאָס לאַנד כנען.

— אין אָנהויב זיינען די ייִדן רעגירט געוואָרן דורך די שופטים (ריכטער), דערנאָך דורך די מלכים (קעניגן).

אין יאָר 586 פאַר דער צייט־רעכענונג האָט דער קעניג פון בבל איינגענומען דאָס לאַנד און דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן. שפּעטער זיינען די ייִדן צוריק געקו־מען פון בבל, און ווידער באַנייט זייער לאַנד.

— זיי האָבן מוטיק געקעמפּט פאַר זייער אומאָפּהענגיקייט קעגן די גרעסטע מלוכות פון יענער צייט. די מכבייער האָבן באַזיגט און פאַרטריבן פון לאַנד די גריכן.

— דערנאָך האָט רוים באַזעצט ארץ ישראל. רוים איז געווען די שטאַרקסטע מלוכה פון יענער צייט און האָט שוין געהאַט איינגענומען די גאַנצע וועלט. דאָס יידישע לאַנד האָט אָבער ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן און געקעמפּט קעגן די שטאַרקע אַרמייען פון רוים. נאָך אַ לאַנגן קאַמף האָבן די רוימער איינגענומען ירושלים און חרוב געמאַכט דעם בית המקדש (אין יאָר 70).

קנאַפּע זיבעציק יאָר שפּעטער האָבן די יידן אונטער דער פּירערשאַפט פון העלדישן בר־כוכבא ווידער אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן די מעכטיקע רוימער. דער קאַמף איז ווידער געווען אַ לאַנגער און אַ ביטערער, אָבער די יידן האָבן ניט געקענט באַזיגן די גרעסטע מלוכה פון יענער צייט. די רוימער האָבן פאַרנומען גאַנץ ארץ ישראל און די מערסטע יידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

אין זעקסטן יאָרהונדערט איז די גרויסע רוימישע אימפּעריע זיך צעפאַלן און אַראַבער האָבן זיך באַזעצט אין לאַנד.

דערנאָך האָט די טערקישע אימפּעריע געהערשט איבער ארץ ישראל. די טערקן און אַראַבער האָבן וויסט געמאַכט דאָס לאַנד. דער גרעסטער טייל איז געוואָרן מדבר אָדער זומפּן. די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרקלענערט. אַזוי איז עס געווען עטלעכע הונדערט יאָר.

— אין יאָר 1917, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן די ענגלענדער פאַרטריבן די טערקן פון ארץ ישראל. דעמאָלט האָט ענגלאַנד אַרויסגעגעבן די

באַלפור־דעקלאַראַציע, אַז זי וועט העלפן די יידן שאַפן אַן אייגענע היים אין ארץ ישראל. די „פעלקער־ליגע״ (דאָס זעלבע וואָס היינט די „פאַראייניקטע פעלקער״) האָט איבער־געגעבן ענגלאַנד דעם „מאַנדאַט״ אָנצופירן מיטן לאַנד.

***

— אַ געוויסע צאָל יידן האָבן שטענדיק געלעבט אין ארץ ישראל. אַ גרעסערע יידישע עמיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1882, וואו עס זיינען געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע קאָלאָניעס (דערפער) אין וויסטן לאַנד.

פון דעמאָלט אָן זיינען יידן אין גרעסערע צאָלן געקומען קיין ארץ ישראל. די חלוצים (פּיאָנערן) האָבן געגומען אויס־טריקענען די זומפּן, באַוואַסערן דעם מדבר און געבויט דאָס לאַנד. זיי האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער שפּעטער־דיקער מדינה.

די ענגלענדער האָבן ניט געהאַלטן זייער וואָרט צו העלפן די יידן האָבן אַן אייגענע היים אין ארץ ישראל. זיי האָבן מער געהאָלפן די אַראַבער און די אַראַבער האָבן ניט געוואָלט אַז די יידן זאָלן אַריינקומען אין לאַנד.

די ענגלענדער האָבן זייער שטאַרק פאַרקלענערט די יידי־שע עמיגראַציע קיין ארץ ישראל און דעם יידישן איינקויף פון ערד.

— ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה, אין יאָר 1939, האָבן מאַסן יידן געוואָלט אַריינקומען אין לאַנד. די ענגלענדער האָבן זיי ניט געוואָלט אַריינלאָזן. אַ טייל פון די שיפן האָבן חדשים לאַנג געוואַנדערט איבערן ים ביז זיי זיינען אונטערגעגאַנגען. פונדעסטוועגן האָב די יידן געקעמפט צוזאַמען מיט די ענגלענדער קעגן נאַצי־דייטשלאַנד ביז מען האָט געוואונען די מלחמה אין 1945.

צוליב דעם וואָס אין לאַנד האָבן געוואוינט, חוץ די יידן, אַ סך אַראַבער, האָבן די פאַראייניקטע פעלקער („יו־ען״) באַשלאָסן אין 1947 צו צעטיילן דאָס לאַנד אין צוויי חלקים: איין טייל זאָל געגעבן ווערן די אַראַבער און די צווייטע די יידן. די יידן האָבן דאָס אָנגענומען, אָבער די אַראַבער זיינען געווען קעגן. זעקס אַראַבישע מלוכות (מצרים, ירדן־קעניגרייך, סיריע, איראַק, לבנון און סאַודי אַראַביע) האָבן אָנגעהויבן אַ מלחמה קעגן די יידן, וואָס האָבן נאָך אַפילו ניט געהאַט קיין רעגולערע אַרמיי. פונדעסטוועגן האָבן די יידן געזיגט, ווייל זיי האָבן געקעמפט מיט גרעסערן מוט און געוואוסט אַז זיי פאַרטיידיקן זייער אייגן לאַנד.

מדינת ישראל איז געוואָרן פּראָקלאַמירט דעם 5־טן טאָג אין חודש אייר תש״ח, דעם 14־טן מאַי 1948.

דורך דער צייט פון איר עקזיסטענץ איז די מלוכה שטאַרק געוואַקסן. די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט, דערפער האָבן זיך צעבליט און שטעט זיינען פאַרגרעסערט געוואָרן. אַ ניי לעבן גייט אויף אין דער ווידער געבוירענער יידישער מדינה.

***

דאָס איז אין קורצע ווערטער די דריי טויזנט יאָריקע געשיכטע פון יידישן לאַנד.

Desert	מדבר	Proclaimed	פּראָקלאַמירט
Swamps	זומפּן	Conquered	איינגענומען
Population	באַפעלקערונג	Independence	אומאָפּהענגיק
Chased out	פאַרטריבן	Defeated	באַזיגט
To drain	אויסטריקענען	Leadership	פירערשאַפט
Parts	חלקים	Surrender	אונטערגעגעבן
Defend	פאַרטיידיקן	Heroic	העלדיש
Blossomed	צעבליט	Ruled	געהערשט

תקופות אין דער געשיכטע פון ארץ ישראל

			פאַר דער אַלגעמיינער ציַיטרעכענונג
די תקופה פון די אָבות:	אַרום	יאָר	1550 — 1700
די תקופה פון באַזעצן דאָס לאַנד כנען:		"	1250 — 1400
די תקופה פון די שופטים:		"	1030 — 1250
די תקופה פון די מלכים:		"	586 — 1030
מלך שאול:		"	1030
מלך דוד:		"	1010
מלך שלמה:		"	970
צעטיילונג פון דער מלוכה:		"	930
חורבן פון מלכות ישראל:		"	722
חורבן פון ערשטן בית המקדש:		"	586
די פערסישע אויבערהערשאַפט:		"	332 — 586
די דעקלאַראַציע פון כורש:		"	538
די העלעניסטישע אויבערהערשאַפט:		"	167 — 332
אלכסנדר מוקדון איינגענומען דאָס לאַנד:		"	332
די תקופה פון די חשמונאים:		"	63 — 167
די רוימישע תקופה:			פון 63 פאַר דער איצטיקער ציַיטרעכענונג ביז 379 פון דער איצטיקער ציַיטרעכענונג
			פון דער איצטיקער ציַיטרעכענונג
די גרויסע מלחמה מיט רוים:		יאָר	73 — 63
חורבן פון צווייטן בית המקדש:		"	70
דער רעוואָלט פון בר־כוכבא:		"	135 — 132
דאָס שליסן פון דער משנה:			אַרום 200

רעוואָלט פון די יידן אין גליל:	יאָר 352
דאָס שליסן פון תלמוד בבלי:	אַרום 500
די ביזאַנטישע הערשאַפט:	יאָר 379 — 637
די אַראַבישע הערשאַפט:	〃 637 — 1099
די הערשאַפט פון די קרייצציגלער:	〃 1099 — 1291
די טערקישע הערשאַפט:	〃 1517 — 1918
די ערשטע יידישע עמיגראַציע (עליה):	〃 1882
די צווייטע עליה:	〃 1904
די באַלפור־דעקלאַראַציע:	〃 1917
די צייט פון בריטישן מאַנדאַט:	〃 1918 — 1948
די דריטע עליה:	〃 1919
די דעקלאַראַציע פון די „פאַראייניקטע פעלקער" וועגן דער שאַפונג פון אַ יידישער מלוכה:	〃 1947
מ ד י נ ת י ש ר א ל:	1948



דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט

וואָקאַבולאַר

א

אויסגעשפּרייט	Spread out
אויסגראָבונגען	Excavations
אויסהיילן	To heal
אויסטריקענען	To drain
אויסקוק	View
אויפשריפט	Sign
אומאָפּהענגיק	Independent
אונטערגעבן	To surrender
אוראַלטע	Ancient
אָזערע	Lake
איבערזעצונג	Translation
אייביק	Eternal
איינגענומען	Conquered
איינדרוק	Impression
אינדיק	Turkey
איניציאַלן	Initials
אינקובאַטאָר	Incubator
אַלגעמיינער	Common
אַנטוויקלט	Developed
אָנטייל גענומען	Took part
אָפּגערייניקט	Cleansed, cleaned
אָפּגעשטאַנען	Backward
אָפּגרונט	Precipice
אָפּטאָן אַ שפּיצל	Play a practical joke
אָפּטיילונג	Branch, department
אָפּרוען	To rest
אַרומגעצוימט	Fenced in
אָפּשטאַמיקע	Descendants
אַרומגערינגלט	Surrounded

ב

באַאיינדרוקט	Impressed
באַהייצונג	Heating
באַוואונדערונג	Wonder, surprise
באַוועגונג	Movement
באַזוך	Visit
באַזיגט	Defeated
באַזעצן זיך	To settle
באַלאַנגט	Belonged
באַפעלקערונג	Population
באַפעלקערט	Populated
באַקוועם	Comfortable
באַרימט	Famous
באַשלאָסן	Decided
באַשעדיקטע	Damaged
ביליק	Cheap
בנייני האומה	The National Buildings
בנינים	Buildings
בענקען	To miss
ברונעם	Well
ברעגן	Shores

ג

גבורה	Courage, heroism
גיין שפּאַצירן	Take a walk
גייסטליכע	Clergy, priests
גלויבן	Faith
גן החיות	Zoo
געביידע	Building
געגרינדעט	Founded
געדויערט	Has taken
געדיכט	Thick, saturated
געדרייט	Twisting, curved
געהערשט	Ruled
געוואָרנט	Warned
געווענדעט	Turned, pointed
געווער	Arms
געחלומט	Dreamed
געליטן	Suffered
געלערנטע	Scholars, scientists
גענויער	In more detail
געפינקלט	Sparkled

געפּאַנצערטע	Armored
גערעטעניש	Harvest
געשמייכלט	Smiled
גרוס	Greeting
גרינדער	Founder
גרענעץ	Border
גרענעצט זיך	Borders

ד

דורכגעבראָכן	Broke through
דורכזיכטיק	Transparent
דורות	Ages, generations
דורשט	Thirst
דיל	Floor, bottom
דענקמאָל	Memorial, statue
דערוואַרטונג	Expectation
דערלויבעניש	Permission
דערנענטערט	Approached
דערפונדן	Discovered
דערפינדונג	Invention, discovery
דערשטאָכן	Stabbed
דרייען אין קאָפּ	To get dizzy
דרייעק	Triangle

ה

הויף	Court
הויפּשטאָט	Capital
היכל התרבות	Palace of Culture
הייל	Cave
הייליק	Holy
הייליקע פּלעצער	Holy places
הייסע קוואַלן	Hot springs
הנאה	Pleasure
העלדיש	Heroic
העלדן	Heroes
העלדנטאָט	Act of Heroism

ו

וואונדערבאַר	Wonderful
וואָסאַמאָל	More and more
וואַקאַציע	Vacation
וויסט	Desolate
וויסנשאַפט	Science

ז

זומפּן	Swamps

ח

חוזק מאַכן	To ridicule
חורבן	Destruction
חלקים	Parts

ט

טויער	Gate
טונקל	Dark
טועה געווען	Erred, made a mistake
טורעם	Tower
טעכנישע שול	Technical Institute
טעפּ	Pots
טרערן	Tears

י

ים המלח מגילות	Dead Sea Scrolls
ים ליניע	Ocean route
ים פלאַך	Sea level
ישוב	A settlement
יתומים	Orphans

כ

כאַלאַטן	Long robes
כמעט	Almost
כסדר	Continuously
כעמיקער	Chemist

ל

לבנון	Lebanon
ליולקעס	Pipes
לערן אַנשטאַלט	Educational Institution

מ

מאָדנע	Bizarre
מאַכמעדאַנער	Moslems

פ

Factories	פאַבריקן
Phantasy	פאַנטאַזיע
Phosphats	פאָספאַטן
Connection	פאַרבינדונג
Meeting	פאַרזאַמלונג
To defend	פאַרטיידיקן
To chase away, push out	פאַרטרייבן
Sentenced	פאַרמשפט
Infected, pested	פאַרפעסטעט
Disappeared	פאַרשוואונדן
Suburb	פאַרשטאָט
Show	פאַרשטעלונג
Varied	פאַרשידנאַרטיק
To do research	פאָרשן
Researcher	פאָרשער
Humid	פייכט
Philantropist	פילאַנטראָפ
Leadership	פירערשאַפט
Flat	פלאַך
Plain, law land	פלאַך לאַנד
Flows	פליסט
Hides	פעל
Rocks	פעלזן
Fortress	פעסטונג
Barrels	פעסער
Fertile	פרוכטבאַר

צ

Side	צד
At the foot	צופוס
To quiver, tremble	ציטער
Goal	ציל
Newspaper	צייטונג
Ripe	צייטיק
Blossomed	צעבליט
Gets stormy	צעשטורעמט זיך
Spread out	צעשפרייט

ק

Tomb, grave	קבר
First of all	קודם כל

Painters	מאָלערס
Market	מאַרק
Desert	מדבר
Bravery	מוט
Brains	מוח
State	מדינה
Army, multitude	מחנה
Tired	מיד
Members	מיטגלידער
Mediterranean	מיטלענדישער ים
Customs	מנהגים
Chance, possibility	מעגלעכקייט
Majority	מערהייט
Family	משפחה

נ

Natural resources	נאַטור אוצרות

ס

Surprise	סורפריז
Merchandise	סחורות
Style	סטיל
Specialists	ספעציאַליסטן

ע

Valley	עמק
Changes	ענדערט זיך
Energy	ענערגיע
Eucalyptus tree	עקאַליפטוס בוים
Exotic	עקזאָטיש
Natural gas	ערד גאַז
Crevices	ערד שפאַלטן
Serious, solemn	ערנסט

פ

Sidecurls	פאות
Empty, desolated	פוסט
Box	פושקע
Back	פלייצע
Produces	פראָדוצירט
Magnificent	פראַכטיק
Proclaimed	פראָקלאַמירט
Citrus fruit orchard	פרדס

קוואַרטאַל	District, neighborhood
קונסט	Art
קיבוץ	Kibbutz, communal settlement
קיילעכדיק	Round
קירכעס	Churches
קרום	Crooked, uneven
קרייצפאָרער	Crusaders (in the middle ages)

ר

ראַפינעריע	Refinery
רייזע	Trip
רייטוואָגן	Chariot
רייניקט	Cleaned
רערן ליניע	Pipe lines
רעשטלעך	Remains, remnants

ש

שווימענדיקער טייל	Floating part
שטח	Area
שטיגן	Steps
שטיין אויף דער וואַך	To stand guard
שטעלן זיך אָפּ	Stop
שטערן	Stars
שטראַלן	Rays
שטריימלעך	Fur hats
שיכור	Drunk
שמאָל	Narrow
שפּאַציר	Stroll
שריפטן	Scripts
שרעק	Fear
שרעקלעך	Awsome, terrible

ת

תהילים	Psalms
תימן	Yemen
תפיסה	Jail

גענישטונגען

חיפה

פיל אויס:

1. חיפה פאַרמאָגט דעם גרעסטן.............................פון לאַנד און די גרעסטע

....

2. חיפה ליגט ביים...ים.

3. חיפה איז אויסגעשפרייט אויף אַ באַרג וואָס הייסט.....................................

4. די שול אין חיפה וואָס גראַדואירט אינזשינערן הייסט.....................................

ענטפער:

1. מיט וואָס איז חיפה אַזוי שיין?..

....

2. אין וואָס באַשטייט די וויכטיקייט פון חיפה פאַרן לאַנד?...............................

....

....

....

עכו

פיל אויס:

אין עכו געפינט זיך זייער אַן אַלטע ....

די ענגלענדער האָבן געמאַכט דאָרט אַ.......................................

וואו עס זיינען געווען פאַרשפאַרט יידישע קעמפער פאַר.......................................

....

....

ענטפער:

וואָס זיינען די אינטערעסאַנטע זאַכן אין עכו? ....

....

....

תל־אביב

פיל אויס:

1. תל־אביב איז די..............................שטאָט אין ישראל. עס וואוינען דאָרט אַרום..............................טויזנט איינוואוינער.
2. תל־אביב איז דער גרעסטער..............................צענטער פון לאַנד.
3. היכל התרבות איז.......................................

ענטפער:

1. ווען איז תל־אביב געגרינדעט געוואָרן? ....

....

2. מיט וואָס איז תל־אביב וויכטיק פאַרן לאַנד? ....

....

....

ירושלים

פראַגעס צו ענטפערן:

1. וועלכע הייליקע יידישע ערטער געפינען זיך אין ירושלים? ....

....

2. וועלכע וויכטיקע נייע יידישע אינסטיטוציעס געפינען זיך אין ירושלים?

....

....

3. וואָס ווייסטו פון דער געשיכטע וועגן ירושלים? ....

....

....

....

4. ווייסטו וועגן שטעט אין אַנדערע לענדער וואָס זיינען אויך אַזוי אַלט ווי ירושלים, וועלכע? ....

....

אַ באַזוך אין די אַלטע דערפער און קאָלאָניעס

פראַגעס:

1. ווער זיינען געווען די מענטשן פון „בילו"? ....

....

2. ווען זיינען זיי געקומען קיין ארץ ישראל? ....

....

3. וואָס מיינען די ווערטער ראשון לציון ?..

....

4. מיט וואָס איז באַרימט ראשון לציון ? ....

....

5. מיט וואָס איז באַרימט רחובות ?...

....

דער עמק און נהלל

1. פאַראַן אַ סך ביכלעך און באַשרייבונגען וועגן עמק יזרעאל. נוץ זיי צו באַשרייבן די געשיכטע פון עמק יזרעאל.
2. באַשרייב וואָס איז אַ מושב עובדים. מיט וואָס איז עס אַנדערש פון אַ געוויינטלעך דאָרף אין אַמעריקע אָדער קאַנאַדע ?

פיל אויס:

1. חלוצים זיינען מענטשן וואָס...,

....

2. די זומפן זיינען געווען געפערלעך ווייל דאָרט...................................

....

3. אין עמק יזרעאל געפינען זיך אַ סך...

....

ים כנרת און טבריה

פיל אויס:

1. די שטאָט טבריה געפינט זיך ביים ים...

2. דער ים כנרת איז נידעריקער פון ים־פלאַך.........................פוס.

3. דער כנרת האָט אַ סך...

4. אין טבריה געפינען זיך הייסע וואַסערן וואָס היילן..........................

   זייער נאָמען איז...

5. אין טבריה געפינען זיך די קברים פון...

   און פון...

6. עס איז אַ זייער פּאָפּולערע זאַך ביי די ייִנגלעך און מיידלעך אין ישראל

   צו זוכן...

ענטפער:

וואָס זיינען די אינטערעסאַנטסטע זאַכן ביים ים כנרת?...

....

....

....

דער קיבוץ דגניה

פיל אויס:

1. דגניה איז דער עלטסטער.............................אין ישראל.

2. א. ד. גאָרדאָן איז געווען איינער פון די גרינדער פון...

   און אויך...

3. ביים אַריינגאַנג פון דגניה שטייט אַ באַשעדיקטער.............................. פון

דער צייט ווען...

4. אין אַ קיבוץ געהערט דאָס הויז וואו מען וואוינט און די פעלדער צו...........

.... אין אַ מושב

געהערט דאָס הויז און פעלדער צו ....

יאָ אָדער ניין (לויט דער באַשרייבונג פון דגניה און נהלל)

1. אין אַ קיבוץ עסן אַלע צוזאַמען אין אַן עס־צימער.......................................

2. אין אַ קיבוץ געפינען זיך די קינדער אין אַ קינדער־היים.........................

3. אין אַ מושב באַקומט מען ניט קיין געלט פאַר דער אַרבעט.........................

4. אין אַ קיבוץ באַצאָלט מען די חברים פון קיבוץ פאַר זייער אַרבעט...................

5. אין קיבוץ און אין מושב פאַרקויפן אַלע צוזאַמען דאָס גערעטעניש...............

צפת און דער גליל

פיל אויס:

1. דער צפון טייל פון ישראל הייסט...

2. צפת איז איינע פון די 4...אין ישראל.

3. תל חי איז אַ קליין דאָרף, אָבער דאָס אָרט איז באַרימט ווייל דאָרט...............

....

ענטפער אויף די פראַגעס:

1. מיט וואָס איז צפת באַרימט? ....

....

2. מיט וואָס איז נצרת באַרימט? ....

....

3. וואָס איז דער שלחן ערוך? ....

....

4. וואָס איז געשען מיטן ים חולה? ....

....

באר־שבע

פּאַס צו די ווערטער פון רעכטס צו לינקס

1. באר־שבע	מדבר
2. נגב	נאָמאַדן
3 בעדואינער	אינדוסטריע
4. דימונה	דער ערשטער ייד
5. אברהם אָבינו	זיבן ברונעמס

ענטפער אויף די פראַגעס:

1. פאַרוואָס איז וויכטיק פאַר ישראל צו האָבן אַ סך מענטשן אין נגב? ....

....

....

2. ווי האָט אויסגעזען באר־שבע און אַרום באר־שבע פופצן יאָר צוריק און ווי זעט עס דאָרט אויס היינט? ....

....

דער נגב און דער פּאָרט אין אילת

ענטפֿער:

1. פֿונוואַנען איז נאָענטער קיין ניו־יאָרק, פֿון חיפה צי פֿון אילת? ....

....

2. פֿונוואַנען איז נאָענטער קיין אינדיע, פֿון חיפה צי פֿון אילת? ....

....

3. וועלכע לענדער גרענעצן זיך מיטן נגב? ....

....

4. פֿאַרוואָס איז דער נגב וויכטיק פֿאַר ישראל? ....

....

5. פֿאַרוואָס איז אילת וויכטיק פֿאַר ישראל? ....

....

....

ריכטיק אָדער פֿאַלש

(קוק אויף דער מאַפּע פֿון ישראל)

1. דער נגב פֿאַרנעמט אַ העלפֿט פֿון דער טעריטאָריע פֿון ישראל און עס וואוינען דאָרט אַ העלפֿט איינוואוינער פֿון ישראל. יאָ — ניין
2. אילת איז דער גרעסטער פּאָרט פֿון ישראל. יאָ — ניין
3. פֿון אילת ברענגט מען אויל קיין חיפה. יאָ — ניין
4. אילת איז איינע פֿון די ייִנגסטע שטעט אין ישראל. יאָ — ניין
5. ים־סוף איז דער רויטער ים וואָס ווערט דערמאָנט אין חומש. יאָ — ניין
6. עס איז נאָענטער צו פֿאָרן קיין אַזיע פֿון אילת ווי פֿון חיפה. יאָ — ניין
7. אַמאָל זיינען אין נגב געווען בליענדיקע פֿעלדער. יאָ — ניין

8. עס איז דאָ אַ צייט פון יאָר ווען מען קען זיך באָדן אין ים־סוף און עס איז צו קאַלט זיך צו באָדן אין ים ביי תל־אָביב. יאָ — ניין

9. אילת איז ווייטער פון תל־אָביב ווי יעדער אַנדערער פונקט אין ישראל. יאָ — ניין

10. דער גרעסטער טייל פון ישראלס נאַטור־אוצרות געפינט זיך אין נגב. יאָ — ניין

ים המלח

1. דאָ זיינען אויסגערעכנט פינף ערטער אין ישראל:
א) תל־אָביב ב) ירושלים ג) כנרת ד) ים המלח ה) צפת.

וואָס נידעריקער אַן אָרט געפינט זיך, הייסער איז עס. אין וועלכן פון די פינף ערטער איז הייסער אין זומער, וואו איז ווייניקער הייס, וואו איז נאָך ווייניקער הייס, און אַזוי ווייטער.

1).................... 2).................... 3)....................

4).................... 5)....................

2. ענטפער:

א. מיט וואָס איז דער ים המלח וויכטיק פאַר מדינת ישראל? ....

....

....

ב. וועלכע זאַכן פון די אַלטע צייטן האָט מען געפונען אין די בערג און היילן פון ים המלח? ....

....

....

ג. פאַרוואָס זיינען די געפונענע זאַכן וויכטיק פאַר אונדז? ....

....

....

ביכער צו באַקומען ביים

נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון די יידישע פאָלק שולן

פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג

דאָס נייע וואָרט (כרעסטאָמאַטיע פאַר די העכערע קלאַסן פון די פאָלק שולן און אָנפאַנגער קלאַסן אין מיטל שול)
ש. שאַפּירא און י. גובקין — $3.00

אויף די וועגן פון ציון (לערן בוך פאַרן לימוד ארץ ישראל)
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — 4.00

יידישע פאָעטן (האַנטבוך פאַר יידישער דיכטונג)......יואל ענטין — 1.00

אמוני דקדוק (חלק א׳)......שמשון דונסקי — .75

אמוני דקדוק (חלק ב׳)......שמשון דונסקי — .75

אַרבעטס העפט אין יידיש......דוד ברידזשער — .40

אידישע קינדער (מעשיות)......קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — 1.00

איך זינג (קינדער לידער)......עליזה גרינבלאַט — 1.00

דאָס ערשטע לייענביכל......ש. שאַפּירא — .35

מיין לייענבוך......ד״ר יצחק שאַפּירא — .60

פנחס גינגאָלד בוך (זאַמלונג פון עסייען)...... — 2.00

יואל ענטין, געזאַמלטע שריפטן I (יידישע דערציאונג)...... — 3.00

דורות זינגען (טעקסט און נאָטן)...... — 2.50

שמעון דובנאָוו (מאַטעריאַלן און אָפּהאַנדלונגען)
יהושע ראָטנבערג — .75

הנחות פאַר שולן

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צו:

NATIONAL COMMITTEE OF THE JEWISH FOLK SCHOOLS
575 — 6th Avenue New York, N. Y. 10011